בס"ד. שיחת אור ליום ד' פ' אחרי, ליל י"א ניסן ה'תשמ"א.

הנחה פרטית בלתי מוגה

א. ס'איז ידוע דער ענין וואס תורה זאגט אן (און אזוי אויך הויבט אן דער אלטער רבי באגה"ק שלו),

אז "פותחין בברכה".

און ווי יעדער ענין - איז דאך דאס פארבונדן און אנגעווייזן אין תורה, וואס איז מלשון הוראה, און זי ווערט אויך אנגערופן "תורת חיים" - הוראה בחיים, פאר יעדער אידן, בכדי אז בא א איד זאל קענען זיין "וחי בהם".

תורה הויבט זיך אן מיט א "ב"ית", און ווי ס'איז מבואר אין מדרש, אז דער טעם אויף דערויף איז ווייל א "ב"ית" איז ר"ת "ברכה".

וואס דאס הויבט זיך אן פון מקור הברכות, להודות, דאנקען דעם אויבערשטן פאר די אלע ברכות און זאכן וואס ער גיט יעדערן בתוך כלל ישראל, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

ובפרט נאך אז ס'זיינען דא מאורעות מיוחדות וואס זיינען פארבונדן מיט א מעמד ומצב מיוחד, א ברכה נוספת -

איז דאך דעמאלט נאכמער בהדגשה דער ענין פון "**פותחין** בברכה".

יעדער ענין אין תורה, איז דאך דאס ניט נאר אן ענין פון מלמעלה למטה אדער ממטה למעלה, אדער מקבל אדער נותן, נאר דאס איז א דבר שלם - עס האט אין זיך ביידע עניינים,

אזוי איז אויך, אז בשעת א איד, אדער בכלל א "מציאות" - איז ווען מען באקומט א ברכה פון דעם אויבערשטן, איז דאס א המשכה ממקור הברכות למטה, און דערנאך איז דער ענטפער "פותחין בברכה" פון דער מקבל - איז דאס אן ענין פון א העלאה ממטה למעלה (בלשון החסידות).

אין איינפאכע ווערטער: דער אויבערשטער האט געוואלט, אז יעדער זאך, ובפרט א איד, וואס "בראשית" - "בשביל ישראל שנקראו ראשית" זאל זיין בשלימות,

און אז ער באקומט עניינים (- וואס ער באקומט אלץ, "מידך הכל", און "מידך נתנו לך" - דער אויבערשטער איז דאך מקור כל העניינים) האט דער אויבערשטער געוואלט אז עס זאל ניט זיין "נהמא דכיסופא" לגמרי, און גיט א כח אז דער מקבל - צי דאס איז א מציאות בכלל, אדער א איד במיוחד -

ובלשון חז"ל, אז יעדער ענין זאגט "שירה", ווי אויסגערעכנט בפרטיות אין "מדרש שירה", די פסוקים וואס זיינען פון פארשידענע יצורים, פארשידענע באשאפענישן אין וועלט, וואס די אמירת "שירה" איז דאס מעין ברכה והודאה ותודה אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט אים באשאפן און איז אים מהוה ומקיים, און ווייבאלד אז ער טוט, מחדש, דעם ענין פון שבח להקב"ה, איז דאס כביכול, ווי ער איז א נותן ומשפיע אין דעם אויבערשטן!

און דאס וויל דער אויבערשטער פון יעדער אידן, בדוגמא ווי די גמ' זאגט אז "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" פאר דעם דארף דער אויבערשטער אנקומען, כביכול, צו א בשר ודם, אז ער זאל אויפטאן אין ענינים פון יראת שמים,

עד"ז אויך, דער ענין פון "מוסיפין כח" בפמליא של מעלה, וואס דאס רעדט זיך וועגן די "פמליא", די מלאכים -

דא זאגט מען נאכמערער: "שאו ידיכם קודש וברכו את הוי'", אז דער אויבערשטער גיט כח אז מ'זאל קענען בענטשן דעם אויבערשטן.

וע"ד ווי די גמ' זאגט בנוגע צו משה רבינו (וואס ער איז דאך דער "רעיא מהימנא", און האדעוועט אזוי אויף יעדער אידן און אלע אידן) אז משה רבינו האט געזאגט "ועתה יגדל נא כח אדנ-י", אז דורך זיין בקשה און דורך זיין תפלה, האט ער אויפגעטאן אין "כח אדנ-י", אז ס'זאל זיין "יגדל נא כח אדנ-י".

אמת טאקע דאס איז געקומען ע"י אתערותא דלעילא - התעוררות מלמעלה, און ווי די גמ' דערציילט אז דער אויבערשטער האט אים פריער געזאגט און מעורר געווען אויף דערויף, אבער דערנאך טוט מען דאס בכח עצמו.

און אט דא האט מען די הוראה אין "תורת חיים", אז וויבאלד אז "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית", האט מען דאך די ברכה פון דעם אויבערשטן, אז ער איז מהוה בכל רגע ורגע מחדש מאין ואפס (כתורת הבעש"ט), אבער דאס איז דאך א זאך וואס דער אויבערשטער האט אריינגעשטעלט אין אן אופן פון עולם כמנהגו נוהג, אין אן אופן פון טבע.

אעפ"כ האט ער געזאגט אז "האומר הלל בכל יום", איז דאס ניט קיין דבר הרצוי, נאר ס'דארף זיין נאר ווען ס'קומט עפעס א חידוש בדבר.

וואס דער חידוש איז דאך דא בזמנים מיוחדים, בדוגמא ווי אין זמני יו"ט, אנהויבנדיק פון דעם רגל הראשון, פון חג המצות, פון חג הפסח, וואס דעמאלט זאגט מען (אין דער "הגדה") "לפיכך אנחנו חייבים להודות להלל כו'", מיט די אלע לשונות וואס ער רעכנט דארט אויס, ס' לשונות אדער יו"ד לשונות.

עד"ז בחיי כל יחיד, ובחיי כל פרט, זיינען אויך דא מאורעות מיוחדות, ביז אז עס זיינען דא מאורעות, וואס ער דארף אויף דעם מאכן ברכת "שהחיינו" בשם ומלכות.

עד"ז אויך אין מאורעות וואס - מאיזה סיבה שתהי' - איז דאס ניט איינגעפירט, וויבאלד, אבער, אז דאס איז א מאורע מיוחד, איז דאך דעמאלט דא נאכמער בהדגשה דער ענין פון "פותחין בברכה", למקור הברכות, צו דעם אויבערשטן, אז "שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה".

ובפרט, אז דאס איז אן ענין וואס איז פארבונדן מיט "גבורות", און ווי חסידות טייטשט דאס אפ, אז דאס איז מלשון (וואס איז פארבונדן מיט) "גבורות גשמים", אז ס'איז ניט אן ענין ח"ו פון דינים וגבורה, נאר דאס איז אן ענין פון התגברות, אז ס'קומט ארויס א ברכה בהתגברות ובהרחבה יותר, אין אורך, רוחב און עומק,

איז אט דעמאלט דא נאכמער דער ענין פון "פותחין בברכה".

און וויבאלד אז ס'דארף זיין א ברכה בהוספה, איז דערפון פארשטאנדיק, אז לויט דער כלל פון חז"ל אז "איני מבקש אלא לפי כוחן", גיט דער אויבערשטער כח, אז מ'זאל קענען פותח זיין בברכה רבה.

וכמדובר כמ"פ (און אויך בקיצור איצטער), אז א ברכה וואס מ'באקומט פון דעם אויבערשטן, דארף מען זיין ניט נאר די מקבל הברכה, נאר דאס לייגט ארויף אן עבודה נוספה, כדי צו זיין ווערט און כדי צו אויפטאן - לויט דער ברכה וואס דער אויבערשטער האט מוסיף געווען, זאל א איד אויך מוסיף זיין בעבודתו הוא, בעבודתו

צו דעם אויבערשטן - "נבראתי לשמש את קוני", און ווי די צווייטע גירסא: "לא נבראתי אלא לשמש את קוני",

וואס דאס איז אויך כולל די צוויי סוגים וחלקים, דער ענין פון "לשמש את קוני" איז אויף צוויי אופנים: דורך "טוב לשמים" און "טוב לבריות".

וואס דער ענין פון "טוב לבריות", די מצוות שבין אדם לחבירו, איז זייער קיום איז ווען זיי זיינען מיוסד אויף דעם וואס מ'באטראכט אז דער אויבערשטער האט אזוי געהייסן און דעמאלט טוט ער דאס "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך", און דוקא דעמאלט האבן די מצוות א קיום, ניט קוקנדיק אויף קיין שוועריקייטן.

און אזוי אויך בעניננו - בא יעדער יום הולדת, ובפרט בא א יום הולדת המיוחד, איז דאס פארבונדן מיט דעם וואס ווערט ארויפגעלייגט - און מ'גיט אויף דעם כחות נוספים - אז מען זאל קענען אויפטאן מער, לגבי דעם וואס מען האט געטאן פאר דעם,

עאכו"כ, אויב ס'איז געווען עפעס וואס איז ניט געווען בשלימות בעבר - קען מען דעמאלט ממלא זיין את החסר, און דערנאך מוסיף זיין, הלוך ומוסיף ואור.

און כאמור, "איני מבקש אלא לפי כוחן", גיט דער אויבערשטער אויך כחות אין אן אופן פון "גבורות", התגברות פון כחות.

און ער גיט אויך די מעגלעכקייט אויף אויסנוצן די כחות במילואן,

וכמדובר - אין דעם כללות'דיקן קו, דעם קו פון "לשמש את קוני", וואס ער טיילט זיך פאנאנדער אויף צוויי חלוקות: לשמש את המקום און לשמש את הבריות.

און ווי די אלע ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט עבודת ה' - דארף זיין "עבדת את ה"א בשמחה ובטוב לבב" - אז מ'זאל טאן די ענינים בשמחה ובטוב לבב,

און "שמחה פורץ גדר" - גיט דאס א מעגליכקייט אז מ'זאל טאן אין דעם למעלה ממדידה והגבלה,

ובפרט נאך אז דאס ווערט געטאן לויט הוראת התורה, אז "אל תפרוש מן הציבור", אז מ'איז זיך כולל מיט נאך אידן און מיט אלע אידן, ביז אז מ'ווערט א מציאות אחת.

און אט דעמאלט טוט מען מיט א כח דרבים און מיט א כח דציבור,

און בדרך ממילא ווערט מען נגאל ונפדה, מען ווערט אויסגעלייזט פון די אלע ענינים המבלבלים, און די פדי' קומט נאך פאר אין אן אופן פון "שלום", "מקרב לי": אע"פ וואס לכאו' האט געדארפט זיין א מלחמה, טוט דער אויבערשטער א חסד, און מ'פירט אויס די ענינים אין אן אופן פון "שלום", "כי ברבים היו עמדי" - ווייל מ'איז זיך מתכלל און מ'פארבינדט זיך מיט א רבים, ביז מיט כלל ישראל.

און דאס ווערט דער הכנה קרובה - דורך דעם וואס אידן גייען צוזאמען און טוען צוזאמען, אין הפצת התורה ומצוותי', הפצת היהדות, ביז אין אן אופן פון "יפוצו מעינותיך חוצה" -

אט דעמאלט טוט מען אויף אין דעם "כאילו פדאני לי ולבני מבין אוה"ע", אז ס'ווערט אן א כ"ף הדמיון, אן דעם "כאילו", נאר ס'ווערט לפועל, "פדאני לי ולבני מבין אוה"ע",

און מ'ברייגנט אראפ, "מיד" די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וואס זי וועט דאך זיין "כימי צאתך מארץ מצרים", ובפרט אז מען געפינט זיך אין חודש ניסן, וואס "בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל",

במהרה בימינו ממש, ע"י משיח צדקנו.

[באמצע הניגון ("אבוא בגבורות"), ניגש הר"א הכהן שיחי' יאלעס, ונתן לכ"ק אדמו"ר שליט"א ספרי הרב מנחם כשר. המשך השיחה (עם הר"א הנ"ל) הי' משהו כזה:

**הנ"ל:** דאס איז א שליחות פון מיינעם א חבר פופציק יאר צוריק האבן מיר געלערנט צוזאמען, איך ווייס גאנץ גוט אז דער רבי איז ניט גורס זיין שיטה, דער רבי האט גערעדט אין א שיחה, דער רבי האט שוין גערעדט אין א שיחה - איך געדענק די שיחה.

**כ"ק אד"ש:** איך ברייגנט אראפ זיינען ספרים אפט - איר זאגט אז איך בין אים ניט גורס - איך ברייגנ אראפ זיין "תורה שלימה" זייער אפט!

ער איז בא אייך א חבר?

**הנ"ל:** א גאנצן ווינטער איז ער געוועין בא מיר.

**כ"ק אד"ש:** דו ביסט דאך א כהן.

**הנ"ל:** ער האט מיר געבעטן אז דער רבי זאל א קוק טאן אין דעם...].

* * *

ב. דער ענין פון הכרת תודה און פותחין בברכה צו דעם אויבערשטן (ווי גערעדט פריער בנוגע צום היינטיקער טאג), ע"ד ווי יעדער ענין - (דארף האבן, און) האט א יסוד אין תורה,

וואס איינע פון די הויפט מצוות וואס מ'איז מקיים "בבואכם אל הארץ" איז - מצות ביכורים, וואס ענינו פון מצות בכורים איז - שבח והודי' צו דעם אויבערשטן אויף "בכורי אדמתו", ווי ער זאגט בשעת ער ברייגנט בכורים: "הגדתי היום לה' אלקיך", כפירוש ר' סעדיא גאון, אז "הגדתי" איז מלשון שבח והודאה.

וואס דאס איז די יסוד בתורה אויף דעם ענין פון הכרת תודה און פותחין בברכה צו דעם אויבערשטן, ווי גערעדט פריער בנוגע צו היינטיקן טאג.

ג. ווי פריער דערמאנט נוסף אויף דעם הודאה וכו' וואס מ'גיט צו דעם אויבערשטן - איז דאס אויך דא בין אדם לחבירו -

וואס "פותחין בברכה" לכל אחד ואחד פון די אלע וואס האבן געוואונטשען און געבענטשט, און וועלן ווינטשן און בענטשן.

ובמכש"כ דערפון וואס ס'איז דא דער ענין פון הכרת תודה און "פותחין בברכה" לכל אחד ואחת - איז עאכו"כ אז עס דארף זיין דער הכרת תודה און "פותחין בברכה" בשעת עס קומט א ברכה וכו' פון דעם ראש המדינה.

וואס בנוגע צו אים איז דאך דא דער ענין פון "והתפללו בשלום העיר" בשלום פון דער מדינה אין וועלכע מ'געפינט זיך בהשגח"פ, ווארום די מדינה ווערט דאך אנגעפירט פון ראשי המדינה, וואס זיי גופא קלייבן אויס איינער העומד בראש, און ער אלס בא כחם, שטייט אלס בא כח פון דער גאנצער עיר ומדינה -

איז אויב ס'איז דא דער ענין פון הכרת תודה און "פותחין בברכה" לכל אחד ואחת - עאכו"כ אז עס דארף אזוי זיין בנוגע צו דעם ראש המדינה.

ובפרט אז מען נעמט אין באטראכט דעם מצב הפרטי פון דעם ראש המדינה, בנוגע לבריאות כפשוטה, און וואס ער איז דורכגעגאנגען לאחרונה אן ענין וואס ס'איז איינגאנצן ניט פארשטאנדיק ווי ס'האט געקענט טרעפן אזא זאך, און עס האט געדארפט זיין פונקט דער היפך דערפון.

- נאר בחסד עליון איז דאס אן ענין וואס ווערט אויסגעהיילט, און פון דעם רפואה קרובה וועט ביי אים אויך זיין א רפואה שלימה -

וואס איצטער האלט ער פאר דער רפואה שלימה -

און אעפ"כ, געפינענדיק זיך אין אזא מעמד ומצב האט ער געוואונטשען כל טוב, און דאס אויך אראפ געבראכט בכתב, און חותם געווען - איז דאך זיכער אז עס דארף זיין, ובכו"כ דרגות יותר, דער ענין פון הכרת תודה וברכה צו אים.

ונוסף לזה, איז ער דאך אן איש וואס רבים צריכים לו, און וואס "לב מלכים ושרים ביד ה'", אז דורך אים (ווי דורך אלע מלכים) זאל זיך דורכפירן דעם אויבערשטנ'ס רצון לטובת הרבים, כולל אויך לטובת בני ישראל הנמצאים במדינה זו, בתוך כל העמים הנמצאים במדינה זו -

פארדינט ער, וביתר שאת וביתר עוז, א ברכה רבה ומיוחדת [וכמודגש אויך אין תורת אמת, תורת חיים].

- אע"פ וואס בברכתו מיינט ער דאך די גאנצע תנועה וואס איז געבראכט געווארן אהערצו דורך נשיא דורנו, דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר, ווי מ'רופט דאס אן "ליובאוויטש" אדער "חב"ד" (אדער שאר לשונות) - קומט דאך דאס אבער אעפ"כ דורך א יחיד וכיו"ב -

וואס ע"פ כל הנ"ל איז דאך א זיכערע זאך, אז בפני כל עם ועדה דארף מען אים אויסדריקן דער הכרת תודה וברכה, און מ'טוט דאס בחפץ לב און בכל לבבך.

ד. די ברכה וואס מ'גיט אים איז - צום אלעם ערשטן, אז ער זאל האבן א רפואה קרובה ושלימה,

און דערנאך (ובבת אחת) - אז ער זאל אויסנוצן די מעגליכקייט, די יכולת און די כחות וואס מ'גיט א מענטשן וואס איז אויסגעקליבן געווארן ע"י רבים, ובפרט אין א מדינה אין וועלכע עס זיינען פאראן עמים רבים און אלע קלייבן צוזאמען [ע"פ הרוב, אבער דערנאך איז אויך דער מיעוט מסכים], און זיינען אים מקבל אויף זיך אלס א נשיא און בא כח בנוגע לכל הענינים, סיי כלפי חוץ און סיי כלפי פנים (הנהגת המדינה עצמה) -

ער זאל דאס אויסנוצן בשלימותה לטובת הכלל און לטובת הפרטי,

און דאס איז בהדגשה לטובת הכלל און לטובת הפרט, וכמודגש בתורה, אז אע"פ וואס "אחרי רבים להטות" - איז יעדער יחיד א קבוע ואינו בטל,

און וויבאלד אז תורה זאגט אז מ'דארף טאן פאר ביידע ענינים, סיי פאר טובת הכלל און סיי פאר טובת הפרט - וועט דאך תורה ניט פארלייגנען א זאך וואס איז אוממעגליך -

איז א דבר פשוט, אויך א דבר מובן, אז מ'קען דורכפירן אין אן אופן אז דאס זאל ניט נאר ניט זיין קיין סתירה צווישן טובת הכלל און טובת הפרט, נאר אדרבה - איינע זאל ארויסהעלפן די צווייטע.

וואס דעמאלט ווערט א שלימות סיי אין דער פרט און סיי אין דעם כלל, און ס'ווערט א שלימות וואס פועל'ט אויך אין די שלימות פון כל העולם כולו.

איז די ברכה צו דעם ראש המדינה, אז ער זאל אויסנוצן זיין מעגליכקייט, יכולת און כח, סיי לטובת הכלל און סיי לטובת הפרט.

כמדובר כמ"פ אז ארויסברייגגען המדובר לעיל מן הכח אל הפועל איז תלוי אן דעם וואס מ'ווייס אז מ'האט די כחות אויף דעם, וואס דאס גופא וואס מ'האט דאס ארויפגעלייגט אויף אים איז מבטיח אז דאס איז זיכער לפי כחו.

און כדי דאס ארויסברייגגען מן הכח אל הפועל דארף מען דאך ניט האבן קיין בלבולים מצד בריאות הגוף וכיו"ב - זאל דאס זיין צוזאמען מיט דער רפואה קרובה ושלימה, און צוזאמען מיט מנוחה מכל הענינים המבלבלים.

און דעמאלט זאל ער זוכה זיין צו מכוון זיין צו דעם רצון פון בורא העולם ומנהיגו, מנהיגו בכל פרט ופרט, וואס ער ווערט אויך אנגערופן "מלך מלכי המלכים הקב"ה", און דורכצופירן זיין רצון בשלימותו ובשמחה ובטוב לבב.

וואס בשעת מ'איז מחליט בתוקף צו זיך פירן אויף דעם אופן - העלפט דער אויבערשטער און מ'פירט דאס דורך נאכמערער בשלימות וויפל מ'שטעלט זיך פאר.

וואס דאס איז די נקודה פון די צווייטע הכרת טובה - די הכרת הטובה פון דעם בא כל כח פון די גאנצע מדינה ("העיר") אנהויבנדיק פון הדבר העומד על הפרק - בנוגע בריאות גופו.

און דערנאך אז ער זאל אויסנוצן די כחות און די ענינים וואס מ'האט אפגעגעבן לרשותו - מתאים צו כל עניני טוב, בטוב הנראה והנגלה, סיי טוב הרבים און סיי טוב היחיד.

און דאס אלץ דארף זיין מיוסד אויף דעם אז מ'טוט דאס דערפאר וואס דאס איז א תפקיד און א כח וואס איז געגעבן געווארן פון דעם אויבערשטן, און ער גיט דערנאך דעם כח אז מ'זאל דאס אויך דורכפירן.

און מ'זאל דאס דורכפירן אויך אין אן אופן, אז די אלע וואס זיינען מקבלים פון דער השפעה שלו, זאלן אויך וויסן אז דאס איז דורכגעדרונגען מיט דעם אמונה אין אלקים אחד, און אין אלקים אמת, וואס ער פירט אן מיט יעדער זאך אין וועלט, עאכו"כ מיט "מלכים ושרים", ועאכו"כ מיט א מדינה וואס פארנעמט איינע פון די ערשטע ערטער בכל העולם כולו.

און בשעת דאס איז מיוסד און דורכגעדרונגען מיט אמונה פשוטה, צוזאמען מיט אמונה שלימה אין דעם בורא העולם ומנהיגו און מ'איז דאס מכריז גלוי לעין כל אז אין דעם אויבערשטן "ווי טראסט", וואס דאס איז ניט נאר אן אמונה סתם, נאר דאס איז אן אופן אז מ'גיט זיך איבער צו אים אינגאנצן, ביז ער ווערט דער אנפירער בכל הענינים, און דער עצם ווערט ווי דער שליח פון דעם אויבערשטן וואס פירט דאס דורך דא למטה -

איז דאס נאכמער מוסיף אין בריאות הנפש, ובמילא - מער מוסיף אויך אין בריאות הגוף, וואס דאס ברייגגט דערנאך אראפ אויך א שלימות אין די אלע החלטות שלו, ובכל הענינים שלו, בכלל, און בפרט בנוגע להמדינה כולה.

ו. וואס די שלימות אין דעם איז אז די ענינים זאלן זיין מתאים צו דעם טוב הכפול, דער "טוב לשמים וטוב לבריות".

וואס דאס איז פארבונדן מיט יום השלישי (וואס מ׳געפינט זיך איצטער אין מוצאי יום השלישי) "שהוכפל בו כי טוב - טוב לשמים וטוב לבריות".

וכמדובר כמ"פ, אז ס׳איז לא כדעת הטועים אז "טוב לשמים" און "טוב לבריות" זיינען צוויי באזונדערע זאכן, נאר פונקט אזוי ווי דאס איז בנוגע צו יום השלישי, וואס בשעת מ׳פרעגט אויף א רגע פון יום השלישי וואס פאר א רגע דאס איז זאגט מען, אז דאס איז א רגע, איין און איינציקער רגע, דורכגעדרונגען מיט "טוב לשמים" און "טוב לבריות" - קומט דאס אזוי אויך אראפ אין יעדער פעולה, אז יעדער פעולה איז דורכגעדרונגען מיט "טוב לשמים" און "טוב לבריות" (ניט אז זיי זיינען צוויי באזונדערע ענינים),

אז בשעת ער טוט "טוב לבריות" - איז דאס דורכגעדרונגען מיט אמונה, מיט׳ן "טוב לשמים", און בשעת ער טוט "טוב לשמים" - איז פונקט ווי מ׳בעט אויף זיך בעט מען אזוי על הכלל כולו, "טוב לבריות", כמדובר כמ"פ.

וואס דאס איז די שלימות אין די אלע החלטות שלו, וכל הענינים שלו, בכלל, און בפרט בנוגע להמדינה כולה - אז זיי זאלן זיין מתאים צו דעם טוב כפול "טוב לשמים וטוב לבריות", באופן המבואר.

ז. ס׳איז ידוע תורת הבעש"ט, אז דער וואס דערוויסט זיך וועלכער ענין עס זאל זיין דארף ער דערפון אפלערנען א הוראה בנוגע צו זיך, ועאכו"כ אז אן ענין כללי וואס האט אויפגעטרייסלט די גאנצע מדינה האט אין זיך א הוראה, און ניט א הוראה אין "מדרש", אדער אין מחשבה - נאר א הוראה אין מעשה, ואדרבה - "המעשה הוא העיקר".

וואס דאס איז די נקודה, אז בשעת מ׳טראכט זיך ארײַן אין דעם מעשה מבהיל - דארף די התבוננות זיך אנהויבן פון זיך ארײַנטראכטן ווי קען זיך דאס טרעפן, אז מ׳זאל שיסן אין פלוני בן פלוני, און אז איינער פון אנשי המדינה זאל דאס שיסן - דאס איז א זאך וואס איז לכאו׳ נגד השכל.

ווי האט געקענט מלכתחילה פאסירן אז א מענטש זאל אפטאן אזא זאך וואס איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק, ס׳איז נגד השכל, נגד הרגש וכו׳?!

וואס אויך די תמי׳ גופא ווייזט, אז זיכער דארף דאס ניט נאר אופטרייסלען אן א תוצאה און אן א תכלית במעשה - נאר לאחרי ההתבוננות בהאמור, דארף דאס אראפקומען אין א שינוי אדער הוספה בנוגע למעשה בפועל.

ח. צו מסביר זיין ווי עס האט געקענט מלכתחילה פאסירן אזא זאך - איז ידוע די טענה וואס מ׳טענה׳ט, אז דער שורש פון מעשים בלתי רצויים איז פארבונדן מיט ענִיות, ווארום ווײַבאלד ער איז בעניות, במילא ברענגט דאס צו פארביטערונג, און בשעת דאס ברענגט צו פארביטערונג ברענגט דאס צו א רגש של נקמה, וכיו"ב - וואס דערפון קומען מעשים בלתי רצויים.

זעט מען בפועל, אז אט דער וואס האט אפגעטאן אט דער מעשה - איז ניט קיין בן עני, נאר אדרבה - ער איז אויפגעוואקסן אלס בן עשיר, ולא עצבו אביו מימיו, און עס ווייזט אויס אז מ׳האט פון אים קיין זאך ניט געזשאלעוועט -

איז בשעת מ׳באטראכט זיך די מעשים בלתי רצויים זיינען פארבונדן מיט עניות - איז מדגיש אטא דער מאורע אז דעם שורש פון הנהגה בלתי רצוי׳ דארף מען זוכן ניט אין עניות, נאר ערגעץ אנדערש וואו.

ט. וואס דאס איז נוסף צו דעם וואס (אויך אן די מאורע הנ"ל) זאגן אז דער שורש פון מעשים בלתי רצויים איז פארבונדן מיט עניות - איז היפך וואס די תורה ווייזט אן אדרבה, תורה ווייזט אן אז "הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה" - דוקא דערפאר וואס זיי זיינען בני עניים.

וואס דערפון איז אויך נשתלשל בעולם, אז בשעת בני עניים באקומען דעם פאסיקן חינוך, איז - אדרבה: אט דאס וואס זיי זיינען עניים און געפינען זיך אין א מצב יורד, אויף א נידעריקער מצב ווי אנדערע וואס ארום זיי אין זייערע יארן - איז דאס זיי מעורר אז זיי זאלן זיך מתאמץ זיין און משתדל זיין און מתייגע זיין, און דורכדעם שטייען נאך העכער פון כל עניני טוב וחסד וצדק פון אטא די וואס געפינען זיך אין א מעמד ניט פון עניות, א מעמד ממוצע, אדער אפי' העכער פון מעמד של עשירות.

וואס דאס ווייזט אן תורה אין דעם וואס זי זאגט "הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה": בנוגע צו אידן דריקט זיך דאס אלס לכל לראש אז עס דארף זיין א זהירות מיוחדה בא בני עניים דערפאר וואס "**מהם תצא תורה**" מערער ווי דאס קומט ארויס פון בני עשירים, וכיו"ב,

און (דערפון אויך מובן) בנוגע כל אומות העולם - אז בשעת ס'איז דא אן ענין פון עניות, איז נארמאלערהייט, ביי א נארמאלע הנהגה, מיט בני אדם שמסביבו - דארף דאס צוברייננגען צו א הוספה אין אויסנוצן זיינע כחות, און געפינען אנדערע וואס וועלן אים ארויסהעלפן,

איז ניט נאר ער זאל ניט צוקומען צו מעשים והנהגה בלתי רצוי', נאר אדרבה - ער שטייט דורכדעם נאך העכער ווי אן די עניות, ער דערגרייכט א גאר הויכן מצב,

וואס דורך וואס קומט דאס - ער ווערט אין אזא אופן כדי צו באווייזן, אז ניט קוקנדיק אויף די שטערונגען וואס די עניות האט אים געבראכט, איז ער זיי איבערגעקומען, און האט דערגרייכט השיגים, דערגרייכונגען, וואס זיינען מערער און העכער און ברייטער ווי די דערגרכייכונגען פון בני עשירים.

ונוסף צו די הוראה פון תורה זעט מען דאס בפועל, כאמור, וואס דער וואס האט אפגעטאן אט דער מעשה איז ניט געווען קיין בן עני, נאר אדרבה ער איז אויפגעוואקסן אלס בן עשיר וכו'.

איז בשעת מ'באטראכט צי דער שורש פון מעשים והנהגה בלתי רצוי' איז פארבונדן מיט עניות - איז מדגיש אט דער מאורע, כנ"ל אז דער שורש דערפון דארף מען זוכן ניט אין עניות, נאר ערגעץ וואו אנדערש.

י. וואו געפינט מען דער שורש אויף דעם?

איז אויך דאס מובן פון דעם מעמד ומצב פון דעם וואס האט אפגעטאן אט דער מעשה - פון דעם מעמד ומצב פון דעם חינוך וואס ער האט באקומען:

צום אלעם ערשטן - לא עצבו אביו מימיו.

די צווייטע זאך - ס'איז ניט געווען דורכגענומען מיט אמונה כדבעי, אמונה פשוטה אז ס'איז דא א בורא העולם ומנהיגו, וואס קוקט זיך צו צו יעדערן,

וואס דאס איז שולל די הנחה פון "איש כל הישר בעיניו יעשה", אז ער דארף נאר זיין געגנוג "סמארט" (איך וועל ניט זאגן "קלוג" דערפאר וואס דאס איז א טפשות) אויסנוצן די מעגליכקייט וואס ער האט, כדי צו מהרס זיין און מזיק זיין א צווייטען (וואס דורך דערויף איז מען מזיק זיך אליין נאר אפשר מערער וויפל

מ'איז מזיק דעם צווייטן: דעם צווייטן איז מען מזיק מערניט ווי בגופו, און זיך איז מען מזיק - סיי בגופו סיי בנשמתו, סיי בזה און סיי בבא).

**יא.** דער חינוך איז אוועקגעשטעלט געווארן, אז צו חינוך איז גענוג אז מ'קלייבט צוזאמען ידיעות, אבי מ'גיט ידיעות אין פארשידענע ענינים - אט דאס הייסט חינוך.

און דער צוזאמענקלייבן ידיעות איז ניט פארבונדן מיט א מטרה, מיט די מטרה פון אראפברייגגען טוב אמיתי פאר זיך, און טוב פאר דער ארום, דער מטרה וואס איז דא - איז כדי באווייזן אז "אני ואפסי עוד",

און מ'איז אים מחנך אין אן אופן אז "אני ואפסי עוד": ס'איז כאילו אז מ'האלט פון "ליבעראליזם", האלט מען אז מ'טאר זיך ניט מישן אין דעם לעבן פון א קינד נאר מ'דארף אים לאזן גיין לנפשו, און אט דאס וואס "עיר פרה אדם יולד" - דאס איז וואס דער איבערשטער האט אים אזוי באשאפן, במילא האט דאס צו דער פאטער און דער מוטער קיין שייכות ניט און זיי לאזן אים זיך פאשן און פירן זיך ווי ביי אים קומט אויס,

און אע"פ אז ס'איז דא דער חוק המדינה אז מ'דארף גיין אין בית הספר - איז כאמור, דער בית ספר איז מיוסד און דורכגענומען מיט די הנחה, אז וואס דארף געבן א בי"ס - ידיעות,

ניט א בית ספר דארף אויספורעמען, אויפטאן און אויפמאכן דעם "יצר לב האדם" אז ער זאל זיין מיט מדות טובות, און זאל וויסן אז אמת טאקע ער גייט און לערנט אין דעם בי"ס - אבער דער עיקר לערנען זיינער איז ווי אזוי צו טאן טוב ארום זיך, און דאס איז דער טוב האמיתי פאר זיך -

איז דאס אינגאנצן ניט אריין אין דער תכנית און אין דער פראגראם פון דעם בי"ס.

א חוץ באופן וואס איז פארבונדן מיט אז טאמער מ'וועט אים כאפן ווען מען איז דערפאר מעניש זיין,

**יב.** וואס אזא חינוך איז דער שורש פון מעשים והנהגה בלתי רצוי', כולל דער מעשה מבהיל וואס האט געטראפן.

ווייבאלד ס'איז אויסגעשטעלט געווארן אז חינוך איז גענוג אז מ'קלייבט צוזאמען ידיעות - איז ווייבאלד אז אין צוזאמענקלייבן ידיעות האט ער זיך מצטיין געווען (אדער ניט מצטיין געווען וכו') - האט ער אויך מצרף געווען צו די ידיעות וואס ער האט צוזאמענקעקליבן - א ידיעה ווי אזוי מ'דארף זיך באנוצן מיט כלי נשק, ביז וואנעט ער האט זיך אין דערויף משתלם געווען.

און ווייבאלד אז דער צוזאמענקלייבן ידיעות איז ניט פארבונדן מיט דער מטרה פון אראפברייגגען טוב אמיתי פאר זיך, און טוב פאר דער ארום, ניט פארבונדן מיט אויספורעמען דעם "יצר לב האדם" אין אזא אופן, און דער מטרה וואס איז דא אין צוזאמענקלייבן די ידיעות איז באווייזן אז "אני ואפסי עוד" -

במילא דארף ער זיך ניט מיישב זיין און דורך ריידן מיט א צווייטן, ועאכו"כ אז מ'דארף ניט פאלגן קיין צווייטן, ובפרט אז דערנאך איז מען אים מחנך אין אן אופן אז מ'מישט זיך ניט אין זיין לעבן, און אע"פ אז "עיר פרא אדם יולד" - לאזט מען אים גיין לנפשו, זיך פאשן און זיך פירן ווי ביי אים קומט אויס, וכאמור דאס ווערט ניט (באריכט) בשעת ער גייט אין בי"ס ע"פ חוק המדינה,

וואס דערפון קומען ארויס מעשים והנהגה בלתי רצויים.

און אויך דאס וואס גייט אריין אין דער חינוך אין בי"ס, דער ענין פון יראת העונש, אז טאמער וועט ער זיין א נאר און וועט זיך לאזן כאפן וועט מען אים דערנאך מעניש זיין, איז דאס גופא, ועי"פ דעם וואס מ'גיט אים פריער די הכרה אז ער איז עומד לנפשו און אז ער איז דער ראש לכל מדגיש, אז ס'איז א זיכערע זאך אז ער וועט קענען איבערקלייבן און געפינען א תחבולה אויף ארויסדרייען זיך פון דעם עונש,

ואדרבה - ווען באווייזט ער זיין גרויסקייט בשעת ער טוט אן ענין וואס איז פארבונדן מיט א צרה און מיט א נזק וכו', און באווייזט אז ער האט זיך ניט וואס צו רעכענען מיט דער ארום זיך.

**יג.** דערצו קומט צו די צווייטע נקודה - אז דער חינוך איז ניט דורכגענומען מיט אמונה כדבעי.

אז ס'איז דא איינער מיט אן "עין רואה ואוזן שומעת" - האט ער קיינמאל ניט געהערט אין אן אופן פון "דברים היוצאים מן הלב", אויב ס'איז געווען אמאל געזאגט איז דאס געווען אין אן אופן פון מן השפה ולחוץ און פון יוצא וועגן,

ובפרט, אז בצירוף לזה, איז דא דאס וואס בשעת ער איז אריין אין בי"ס האט מען אים מדגיש געווען אז ער זאל וויסן אז דער ענין פון בי"ס איז ניט וואס דער בי"ס מישט זיך אין זיין "קאראקטער", און אין זיינע מדות טובות, ער איז אן אומפאהיינגיקער מענטש, נאר מ'גיט אים די מעגליכקייט אז ער זאל צוזאמענקלייבן ידיעות ("אנשעדזש"), און זאל דאס דערנאך קענען נוצן אז ווי ס'וועט זיין "ישר בעיניו" אט אזוי איז "יעשה",

ווארום כאמור, עס פעלט אויך דער אמונה כדבעי, אז ס'איז דא איינער מיט אן "עין רואה ואוזן שומעת" וואס איז שולל די הנחה פון "איש כל הישר בעיניו יעשה".

**יד.** און אט דאס וואס ער הערט אמאל דערמאנען דעם אויבערשטן - איז מען אים מסביר, אז ס'איז דא דער ענין פון "סעפאריישן", אז ס'איז אפגעטיילט חינוך פון לימוד פון דעם ענין פון אמונה, און ס'איז ניט אפגעטיילט אין אופן אז מ'דארף האבן ביידע זאכן נאר מ'לערנט דאס אין באזונדערע שעות, נאר ס'איז אפגעטיילט אין א אופן אז מ'גיט ניט קיין קיין געלט אויף לערנען וועגן אמונה בה, און מ'גיט ניט קיין צייט אויף מתפלל זיין צו בורא העולם ומנהיגו,

און מ'טוט דאס נאך אן אין אן אינצלא, אז אין דערויף איז מיוסד דער גאנצער מהלך מדינה זו - בשעת אלע ווייסן אז דאס איז היפך המציאות,

די גאנצע מדינה איז מיוסד געווארן דורך דערויף וואס עס זיינען געווען מענטשן וואס מ'האט זיי ניט געלאזט זיין מאמינים אין בורא העולם ומנהיגו מיטן גאנצן שטורעם, האבן זיי געדארפט אנטלויפן פון דארטן, זיינען זיי געקומען אהערצו אין ארצות הברית און מייסד געווען די מדינה - מיט דער כוונה, אז זיי זאלן קענען זיין מאמינים און דינען דעם בורא עולם ומנהיגו, וואס "כל העמים ילכו איש בשם אלקיו",

האט מען דאס איבערגעדרייט, מהפך געווען, און מייסד געווען דעם חינוך אויף דערויף אז דער ענין פון דת טאר ר"ל - ווי זיי זאגן ניט דערמאנט ווערן בבי"ס פון קינדער, מען האט ניט מייסד געווען דעם חינוך אויף דעם ענין פון "סעפאריישן" ווי מ'טייטשט דאס אפ אז דאס איז אפגעטיילט פון דת, נאר מ'איז מחנך מיט דער הדגשה אז דער ענין פון דת טאר ר"ל - ווי זיי זאגן - ניט דערמאנט ווערן בבי"ס פון קינדער ווארום דאס איז אנטקעגן די יסודות פון דער מדינה.

און בשעת עס גייט דורך שעות נאכאנאנט, הערט זיך אלס אן וועגן גדלות האדם, וועגן זיינע כחות וואס ער האט, און מ'דערמאנט אים גארניט - ניט נאר ניט וועגן גדלות הא-ל, נאר מ'דערמאנט אים - קיין ווארט ניט וועגן מציאות הא-ל.

**טו.** וואס דאס ברייגגט דערנאך ארויס אט די פאסירונג, אט די מעשה בלתי רצוי, וואס האט געטראפן. לצערנו הרב, טראכט מען אלע ערליי זאכן ווי דאס צו באווארענען מכאן ולהבא אבער וועגן וואס טראכט מען - ווי אזוי צו באווארענען די תוצאות, בלשון המדינה - די "סימפטאמס" און מ'טראכט ניט ווי אזוי צו באווארנען די שיטה, דער צוגאנג, וואס האט געבראכט צו אט די תוצאות.

וכמדובר כמ"פ, אויף היילן א מסוכן'דיקן חולה זיינען דא צוויי וועגן:

איין וועג איז - אז מ'ווארט ביז וואנעט ער ווערט א חולה שיש בו סכנה, און דערנאך זוכט מען וועגן ווי אזוי אים צו היילן, אדער מ'שיקט אים אריין אין א בית רופאים וואס דארט איז ער איינגעשלאסן אין א מצב וואס איז היפך מנוחת הנפש, ער איז א פרוע בנפשו.

נאך א וועג איז דא - די אמת'ע וועג - מ'באווארנט אז "כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך", ד.ה. אז ס'איז דא די מציאות פון אזא מחלה - אבער דער וויסן אז ס'איז דא אזא מחלה דארף ברייגגען צו די תוצאה אז מ'זאל באווארנען אז ס'זאל זיין מלכתחילה "לא אשים עליך".

וואס עד"ז איז דאס בענינינו, אין דעם ענין החינוך - אז די צווייטע וועג איז די אמת'ע: ס'איז דא די מציאות פון אזא "מחלה" אין דער חינוך - אבער דער וויסן אז ס'איז דא אזא "מחלה" דארף ברייגגען צו די תוצאה אז מ'זאל גלייך איבערשטעלן דעם חינוך, אז עס זאל זיין מלכתחילה "לא אשים עליך", דער חינוך זאל זיין אין אזא אופן אז ער זאל ניט איינפאלן ווען מען עס זאל ניט זיין צו טאן אזא זאך.

**טז.** וואס דער עיקר וואס מ'באווארנט דורך דעם איז אז עס זאל ניט איינפאלן בני עשירים טאן אזעלכע זאכן,

ביז וואנעט בני עניים ווען זיך קענען דערלויבן די אלע זאכן, ביז וואנעט זיי וועלן באקומען געלט און האבן די ווילדקייט אויף פירן זיך ווי בא זיי קומט אויס בלי מונע - דארף זיי דורכגיין כמה ענינים,

משא"כ בני עשירים וואס די עלטערן האבן פון זיך אראפגעווארפן די גאנצע אחדות פון אויפבויען מאמינים פון זייערע קינדער - ווארום די עלטערן זיינען אויך ניט קיין מאמינים ווי ס'דארף צו זיין, און וויבאלד אז זיי פילן אז זיי דארפן עפעס טאן פארן קינד - גיט מען אים כל מה שלבו חפץ, און מ'האלט אים אין איין זאגן, און פאסטן אויף דער פלייצע, אז ער איז א "גוד בוי", א גוטער און א געזונטער און א קלוגער וכו'.

קומט דערנאך ארויס אט דאס וואס עס האט געטראפן.

**יז.** און ווי מ'האט געזען ווי ס'איז געווען.

קיין געלט האט ניט געפעלט - האט ער געקענט קויפן כלי נשק, און דער חינוך איז געווען א חינוך מקולקל, מקולקל דערמיט וואס ער איז מיוסד אויף "כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה", מ'וועט געבן דעם תלמיד אדער די תלמידה "כח ועוצם יד" - דורך דערויף וואס זיי וועלן מאכן די (איבונגען?) אויף שטארקער מאכן דעם גוף - און דערנאך וועט מען זיי געבן דיעות ווי אזוי מ'קען נוצן די ענינים וואס זיינען ארום זיי כדי צו ממלא זיין זייער רצון,

און דער רצון זייערער בלייבט ווי ער איז געבארן געווארן, כאמור - "עיר פרא אדם יולד", דער רצון באקומט ניט קיין חינוך.

און דער חינוך איז מיוסד נאר (אויפן אין די בעסטע אויף יראת העונש, און איז מיוסד און פארבונדן בפירוש, אבער עכ"פ בעקיפין - מיט שלילה, אז ער זאל ניט האלטן אז ס'איז דא אן "עין רואה" און "אוזן שומעת" אויף אלע זיינע פירונגען,

וואס דעמאלט, פונקט אזוי ווי ווען ער שטייט בפני בו"ד, ווען דער "סעקיורטיטי מאן" שטייט לעבן אים און זעט און קוקט זיך צו ווי אזוי ער נעמט ארויס די כלי נשק - וואלט אפי' דער מענטש אויך דאס ניט געטאן -

עד"ז וואלט אויך געווען בשעת ער טראכט אז ס'איז דא "יושב בשמים" וואס ער האט דער "עין רואה ואוזן שומעת" אע"פ וואס ער איז געשטאנען הינטער דעם "סעקיורטיטי מאן".

האט מען אים אבער ניט מחנך געווען אז ער זאל טראכטן וועגן דער יושב בשמים -

אט דעמאלט, בשעת ער איז געשטאנען הינטער דעם "סעקיורטיטי מאן" - נוצט ער אויס די עשירות, און נוצט אויס די הנהגה חפשית פון דער מדינה אויף טאן אזעלכע מעשים.

אנשטאט דעם וואס ער האט געדארפט אויסנוצן די הנהגה חפשית פון דער מדינה - אז עס זאל זיין א חופש וואס "כל העמים ילכו איש בשם אלקיו", דינען דעם אויבערשטן וואס אלע זיינען מודה אז ס'איז א א-ל אחד און א בורא העולם ומנהיגו - ווארום, כאמור, מען האט דאס אים גארניט דערמאנט!

און בשעת מען האט דאס דערמאנט ווען ס'איז געווען א הכרח - האט ער דאס געהערט אין אן אופן פון מן השפה ולחוץ, און מ'האט גלייך דערנאך מיט אים אנגעהויבן רעדן וועגן גשמיות, און פון גשמיות איז מען אריבערגעגאנגען רעדן וועגן חומריות.

וואס דערפאר האט ער דאס ניט אויסגענוצט אז עס זאל זיין א חופש וואס "כל העמים ילכו איש בשם אלקיו" - האט ער דאס אויסגענוצט אויף טאן אט די מעשה.

**יח.** ע"פ כל הנ"ל - בסיכום:

די ערשטע זאך וואס דער מאורע דארף ארויסברייננגען איז, אז מ'זאל מייסד זיין דער חינוך אז עס הויבט זיך אן אז "אנכי ה' אלקיך", אז ס'איז דא א מציאות וואס ער איז "הוי'" - ער האט באשאפן אלץ וואס ארום אים, און ער איז "אלקיך", ער איז "כחך וחיותך", ער מאכט לעבן די מענטשן בכל מקום ובכל זמן.

און דערנאך, און אויף דערויף באגרינדעט, איז מען ממשיך - אז "לא תגנוב" און "לא תרצח".

**יט.** און דאס דארף ארויסגעברענגט ווערן במעשה בפועל - עס דארף טאקע אין דערויף פריער זיין א החלטה, אבער אויב די החלטה וועט פריער אוועקגיין אין "קאמיטעס" און דערנאך וועט דאס אוועקגיין אויף אפשטימונגען און דערנאך וועט מען דארפן שיקן א "רעפערענדום" איבער די גאנצע מדינה, איז דערווייליגע קליינער ווייס ניט ר"ל וואס עס קען פאסירן במשך זמן זה.

די החלטה איז ניט קיין החלטה חדשה נאר דאס איז די החלטה וואס איז מיוסד אויף דער תורה, אויף תושב"כ וואס איז אנגענומען געווארן ביי אלע פעלקער ועאכו"כ במדינה זו - דארף דאס וואס שנעלער ארויסגעבראכט ווערן במעשה בפועל,

אז מ'זאל מייסד זיין דער חינוך אנהויבנדיק אז "אנכי הוי' אלקיך" "הוי'" - אז ס'איז דא א מציאות וואס ער האט באשאפן אלץ וואס ארום אים, און ער איז "אלקיך", "כחך וחיותך", אז ער מאכט לעבן די מענטשן בכל מקום ובכל זמן און ממשיך זיין, אויף דערויף באגרינדעט, אז "לא תגנוב" און "לא תרצח".

וואס אט דעמאלט איז א זיכערע זאך אז דער מחונך איז דורכגענומען מיט אמונה אין הוי', און אז ער וועט זיכער ניט קומען, ניט צו דעם "תגנוב" און ניט צו דעם "תרצח".

און דעמאלט וועט מען פארשפארן היילן דעם חולה שיש בו סכנה - ווארום ס'וועט לכתחילה זיין "לא אשים עליך".

מ'וועט מלכתחילה ניט צוקומען צו א מצב פון חולי, פון ניט געזונטע קינדער און תלמידים ותלמידות, און עאכו"כ ניט אין אזא אופן של חולי - שיש בו סכנה פאר א צווייטן מענטשן, וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט שיש בו סכנה פאר אים אליין!

**כ.** און די צווייטע נקודה וואס דער מאורע דארף ארויסברייגנען - אז דער עיקר ענין החינוך איז אויף מחנך זיין דעם מענטשן ער זאל זיין אן אדם ניט אין אן אופן פון "פרא אדם", אין אן אופן פון "לתוהו בראה" נאר - אן אדם אין אן אופן פון "לשבת יצרה", אן אדם מן הישוב, וואס דעמאלט רעכנט ער זיך מיטן ישוב ארום זיך.

און כדי אז מ'זאל זיין אן אדם ניט קיין "פרא אדם", מ'זאל זיין אן אדם מן הישוב און ניט אדם מן התוהו, און מ'זאל זיין ניט קיין מזיק וניזק - דארף מען ערשט אלס א צווייטע זאך אים געבן די אלע ידיעות וואס עס טוט זיך ארום אים, כדי אז ער זאל זיי קענען אויסנוצן אין אן אופן אז ער זאל זיין אן אדם, ביז צוקומען צו שלימות פון אדם, ווי ס'איז שייך בי יעדערערן לפי נפשו, יתרונות נפשו ועמו ומשפחתו וכו'.

וואס די נקודה איז אויך דער פרעזידענט מדגיש אין דעם מכתב ברכה - אז ער שאצט אפ במיוחד אט דאס וואס מ'פארנעמט זיך און מ'גיס זיך אפ, און מ'גיט זיך אפ מיטן גאנצן תוקף - אין ענינים פון חינוך, ווויסנדיק אז חינוך איז באופן הנ"ל, ווי שוין מפורסם און גערעדט כמ"פ.

**כא.** וואס דאס (דער אופן החינוך) איז אויך דער יסוד וואס מ'האט גערעדט במשך שנים האחרונים בנוגע צו הכרח וחשיבות המיוחדת פון חינוך, און מ'האט פאראיארן דאס אויך מכריז געווען און גע'חתמ'ט דורך נשיא המדינה בזמן ההוא - אז מ'איז קובע א יום מיוחד בשנה, מיוחד אויף התבוננות, און די התבוננות זאל ברייגנען לידי מעשה - אין חינוך, חינוך אמיתי,

וואס דאס איז, כמדובר דער חינוך אז א מענטש זאל זיין א ישר הולך, ניט קוקנדיק וואס בתחילת החינוך איז דאס נאך ניט דער ישר בעיניו (ווארום דאס איז דערפאר וואס ער האלט ערשט אין התחלת החינוך),

און דעמאלט דארף מען ניט אנקומען צו די מורא בו"ד - ווארום מ'איז אים מחנך כדבעי, משחר של ילדותו, אין דער היים פון קליינווייז אויף, און דערנאך איז מען דאס ממשיך אין די בתי ספר, בכאו"א לפי ענינו.

**כב.** בנוגע לפועל - אז אין יעדער בית בפר לפי ענינו זאל דער חינוך זיין כדבעי: בתחלת היום א "פרייער", א תפלה וואס איז א דבר השוה לכל נפש: ניט ח"ו ארייגברייגנען ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט מחלוקת און פירוד הלבבות וכו', נאר דערמאנען בקיצור אז ס'איז דא א א-ל אחד, און דער א-ל אחד האט אן "עין רואה ואוזן שומעת", וואס דאס מיינט אז "רואה" "ושומעת" וואס עס קומט פאר אין דעם

בית ספר, און וואס עס קומט פאר מיט אט דעם תלמיד אדער תלמידה, ווארום ער גיט זיי דעם לחם תמיד, דעם "ברעד" וואס זיי האבן מידי יום ביומו.

ועי"ד ווי דער נוסח מיט וועלכע אידן און אידישע קינדער במיוחד, הויבן אן דעם טאג - "מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך", וואס דאס זאגן זיי נאך זייענדיק אין דער היים, גלייך אויפשטייענדיק אנהויבנדיק דעם טאג -

עד"ז ובקיצור נמרץ - זאל מען זאגן אט די נקודות אין יעדער בית ספר,

ווארום איצטער איז דער חינוך הבן והבת ניט ווי ס'איז געווען אמאל, בביתו, דורך זיין פאטער און מוטער, נאר איצטער איז געווארן דער מעמד ומצב אז מ'קען זיך אויף דער פאטער און מוטער ניט פארלאזן, ווי מ'זעט אן דעם ביישפיל, און דער גאנצער חינוך און אחריות ליגט אויפן בית ספר.

און די צווייטע נקודה: די אחריות העיקרית פון דעם בית ספר הויבט זיך אן פון מאכן פון תלמיד, א תלמיד ניט קיין ווילדן, ניט קיין פרא, נאר - אן אדם.

וואס דאס איז דורך דערויף וואס מ'פארנעמט זיך מיט "יצר לב האדם", און מ'איז אים דאס מדגיש, און ערשט דערנאך זאגט מען אים אז **לשם כך, צוליב דעם**, דארפסטו וויסן די פארשידענע זאכן וועגן וועלכע מ'וועט דיר לערנען אין די שעות שלאח"ז.

וואס כל זה איז עניבו פון די התבוננות אין דעם יום מיוחד.

כג. און בשעת מ'האט א יום בשנה מיוחד להתבוננות בענין זה, און מיט דער הדגשה אז דאס איז ניט וואס מ'נעמט ניס אן א נייע החלטה, נאר דאס איז א החלטה וואס איז שוין אנגענומען געווארן זינט דער "בייבל", די תורה, איז געגעבן געווארן און אנגענומען געווארן מיטן גאנצן תוקף -

אז ס'איז דא דער "אנכי ה' אלקיך" און ער זאגט אן "כבד את אביך ואת אמיך", און ער זאגט אן "לא תגנוב ולא תרצח", און נאכמער, "ולא תחמוד את אשר לרעיך", אז ווילבאלד אז דאס געהערט צו א צווייטן איז אפי' אז דאס איז מערניט ווי א שוה פרוטה טאר מען זיך ניט צורירן דערצו - ועאכו"כ דער געזונט, עאכו"כ דער לעבן!

איז בשעת ס'איז דא אט דער חינוך, און דער טאג פון דעם תלמיד הויבט זיך אן מיט דעם, מיט דער תפלה וואס איז דא בתחילת היום - וועט אים מלכתחילה גארניט איינפאלן אז ער דארף זוכן כלי נשק אפילו אויף להגן על עצמו - ווארום ער לעבט מיט דער ידיעה און מיט די הבטחה פון "עין רואה ואוזן שומעת".

עאכו"כ אז עס וועט אים ניט איינפאלן דעם געדאנק פון נוצן כלי נשק אין אן אופן בלתי רצוי.

כד. און אט דאס ווערט די הכנה קרובה צו ימות המשיח - וואס בשעת מ'איז מחנך יעדער קינד פון דער מדינה און פון אלע מדינות, און דער חינוך איז מיוסד אויף דעם אז גלייך בהתחלת היום דערמאנט מען אים און בדברים היוצאים מן הלב - דער ענין האמונה, און מ'באווייזט א לעבעדיקן ביישפיל, אז דער וואס רעדט מיט אים איז אויך א מאמין באמונה שלימה, און מ'דערמאנט אים אז דאס איז אן ענין וואס איז פארבונדן מיט מעשה, ווארום דאס רעדט זיך וועגן "הוי' אלקיך" וואס ער האט אן "עין רואה ואוזן שומעת" -

אט דעמאלט שטעלט מען אויף אין דער מדינה מנוחת הנפש און מנוחת הגוף, דער שלום בין איש לרעהו, און שלום בין עיר לעיר, און שלום במדינה זו, ובמילא ווערט דורך איר דערנאך פארשפרייט שלום בכל מקום שידה מגעת,

און א שלום אמיתי ווארום ער איז באגרינדעט אויפן "עושה שלום", אויפן אויבערשטן, וואס "שלום שמו", וואס דעמאלט האט דאס א קיום און דאס נעמט דורך יעדערן,

און דאס ברייינגט אויך צו די גאנצע וועלט, אנהויבנדיק ממדינה זו, אז אלע זאלן זיין ראוי צו ביאת משיח צדקנו, צו ימות המשיח, וואס דעמאלט וועט זיין "אז אהפוך אל העמים גו׳ לעבדו כולם שכם אחד",

במהרה בימינו ממש, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

* * *

**כה.** כאמור און ווי פארשטאנדיק אויך בפשטות, דער ענין פון הכרת תודה איז - אז בשעת מ׳באקומט א דבר טוב אנערקענט מען דאס, מיט אן אנערקענונג בשלימותה, ביז וואנעט דאס נעמט אים דורך - און ער איז מכיר תודה, און ער זאגט דאס ארויס בדבור, און בדבור רחב, אין אלע פרטים, באופן המתאים צו אט דער טובה וואס ער האט באקומען.

וכמדובר, צום אלעם ערשטן איז דא די הכרת תודה צו דעם מקור הברכות, צו דעם אויבערשטן - ווארום יעדער טובה, אפי׳ די טובה וואס מ׳באקומט פון א בו"ד - איז מקורו פון דעם אויבערשטן,

און דערנאך - הכרת תודה צו דעם בו"ד, וואס בשעת מ׳באקומט א טובה פון א בו"ד אן אמת׳ער בעל בחירה - דארף מען דאס אים מכיר תודה זיין, ווארום "חמרא למרא טיבותא לשקיא", ועד"ז אויך בשעת מ׳באקומט א טובה פון אט די וואס זיינען ניט קיין בעלי בחירה,

ווארום אע"פ אז ס׳איז דא בא זיי די הדגשה אז זיי זיינען "כגרזן ביד החוצב" איז ע"ד ווי דאס איז ביי א "גרזן ביד החוצב" כפשוטו, אז אע"פ אז ס׳איז נאר "גרזן ביד החוצב" - היט ער אבער אפ דעם גרזן און דעם קרדום וכו׳ און ער האלט אים אין א גוטן מעמד ומצב -

עד"ז איז דאס אויך בענינינו, אז אע"פ אז דער וואס האט אים געטאן די טובה זיינען ניט קיין בעלי בחירה - איז וויבאלד אז ער איז געווען א שליח טוב, א ממוצע טוב וכיו"ב - זעט מען צו אז ער זאל זיין אין א גוטן מעמד ומצב, וואס דאס איז (ביי א בשר ודם) - ע"י וואס ער הערט די הכרת תודה.

**כו.** וואס דאס (אז אע"פ וואס ס׳איז נאר "כגרזן ביד החוצב" האלט מען אים אין א גוטן מעמד ומצב וכו׳) איז איינע פון די ביאורים אין דעם ענין פון ברכת החמה און ברכת הלבנה (חידוש החודש).

דער צ"צ איז מאריך אין ספר המצוות וועגן דער חילוק צווישן א מענטשן און כוכבים ומזלות, וואס ביי מענטשן זאגט מען אז "טיבותא לשקייא" משא"כ די כוכבים ומזלות טאר מען ניט מכיר תודה זיין - אז דאס איז דערפאר וואס דער מענטש איז א בעל בחירה משא"כ כוכבים ומזלות זיינען ניט קיין בעלי בחירה -

איז לכאו׳ ניט פארשטאנדיק, ווי איז דא ברכת החמה און ברכת הלבנה?!

וואס אע"פ וואס מ׳זאגט צו ברכת החמה "ברוך עושה מעשה בראשית", און ס׳איז ניט ח"ו אן ענין פון מודים לשמש ולירח - זאגט מען אבער דערביי אויך בשבחו של חמה, ווי מ׳זאגט אין דעם "למנצח השמים מספרים" אז "והוא כחתן יוצא מחופתו", "לשמש שם אהל בים" וכו׳, און מ׳איז אויך מדגיש אז דורך דער **חמה** מאכט מען די ברכה "ברוך עושה מעשה בראשית".

ועד"ז, און נאכמער, אין ברכת הלבנה, וואס די לבנה איז זקוקה לברכה מער ווי די חמה - בענטשט מען איר, און מ'זאגט "שתתחדש", מיט די אלע ענינים, ביז - "שני המאורות הגדולים כמו שהיתה קודם מעוטה" מיט די אלע פרטים שבדבר -

ולכאו' ווי איז דאס מתאים מיט דעם וואס מ'איז מחלק צווישן א בעל בחירה מיט ניט קיין בעל בחירה?!

וע"פ הנ"ל, אז אע"פ אז ס'איז נאר "גרזן ביד החוצב בו" אעפ"כ האלט מען דאס במעמד ומצב טוב וכו' - איז פארשטאנדיק, אז אע"פ אז דער שמש ולבנה זיינען ניט קיין בעלי בחירה אעפ"כ איז דא די ברכת החמה וברכת הלבנה.

וכמאור, אז עד"ז איז דאס אויך בנוגע צו א טובה וואס מ'באקומט פון א בשר ודם ניט קיין בעל בחירה - אז מען דארף אים אפגעבן הכרת תודה.

**כז.** נוסף אויף דערויף וואס מ'איז מכיר תודה און מ'זאגט דאס בדיבור, אדער, אויב ער קען טוט ער דאס באופן נעלה ביותר וואס ער פארבינדט דאס אויך מיט מעשה, וואס דעמאלט איז דאס דאך משלם טובה תחת טובה, אדער נאכמער - ער איז משלם בכפליים וכיו"ב - איז דא דאך א פרט עקרי אין הכרת תודה.

וכמדובר כמ"פ, אז יעדער ענין, אפי' ענינֵי רשות, ענינים פון "תגרי לוד" וכיו"ב זיינען אלע מיוסד אויף דוגמתם אין תורה, וואס מ'דארף געפינען די דוגמא בתורה -

און דערנאך זעט מען אז די דוגמא איז ניט א דוגמא בעלמא, נאר - דאס איז דער יסוד אויף וועלכן ס'איז דערנאך געבויט געווארן דער ענין למטה, "שנשתלשלו מהן" -

עד"ז איז דאס אויך אין דער פרט עיקרי אין הכרת תודה - אז אויך דער ענין איז דא בתורה, וכדלקמן.

**כח.** חז"ל זאגן אז "לא ברא הקב"ה דבר אחד לבטלה", ועד"ז זאגן חז"ל בנוגע צו חיובי האדם, אז ניט נאר אז מ'דארף טאן א ריבוי, נאר ס'דארף זיין "כמאן **דבעי** למהוי", אז ער דארף טאן לפי **מעמדו ומצבו** בתכלית השלימות.

ביז אז דאס קומט ארויס אין אן ענין וואו אפילו **בדיעבד** טויג ניט אויב ס'איז אין אן אנדער אופן: דער דין איז אז "עשיר שהקריב קרבן עני לא יצא", וואס דער תוכן פון דער דין איז - אז ווייבאלד אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן עשירות - דארף ער מקריב זיין דער קרבן וואס איז מתאים למצבו.

אפילו אז ער וועט מקריב זיין דעם קרבן פון א "דל", ניט דעם קרבן פון דלי דלות איז ער אויך ניט יוצא - ווייל דער אויבערשטער האט אים געמאכט פאר אן עשיר.

**כט.** פון די אויבענדערמאנטע דברי חז"ל איז אויך פארשטאנדיק, אז בשעת דער אויבערשטער גיט אימעם עשירות באיזה ענין שיהי', צי עשירות כפשוטה בזהב וכסף, עשירות בשכל שבמוח שבראש, אדער עשירות במדות שבלב - איז דעמאלט ניט גענוג אז ער גיט צדקה מזהבו וכספו אתם, און ס'איז ניט גענוג אז ער נוצט אויס דאס וואס "חכמים המה" ניט ח"ו "להרע" נאר "להטיב" במדה ממוצעת, און ס'איז ניט גענוג אז ער האט מדות טובות באופן ממוצע ניט ח"ו דער היפך דערפון -

נאר דער "עביד" דארף זיין - "כמאן **דבעי** למעבד".

און נאכמער - אן "עשיר שהקריב **קרבן** עני לא יצא", אויב ער האט עשירות אין די אלע ענינים, דארף ער וויסן זיין, אז אפילו אז ער ברענגט א **קרבן**, וואס

בהקרבה הקרבן גיט ער חלב ודם, וואס דער נמשל מזה בעבודת האדם איז- אז ער גיט דער תענוג שבו, חלב, מיט דער חיות שבו, "הדם הוא הנפש", ער האט אפי' דער ענין פון מס"נ - איז אעפ"כ, וויבאלד אז ער גיט דאס אין אן אופן פון עניות בשעת דער אויבערשטער האט אים געגעבן די מעגליכקייט אז ער זאל דאס טאן אין אן אופן פון עשירות, איז אפי' אז ער האט דאס געטאן אין אן אופן פון קרבן - איז "לא יצא".

**ל.** וואס דאס איז אויך דער ענטפער פאר די אלע וואס פרעגן - וואו איז דער הכרח אז עס מוז זיין "מעלין בקודש", ס'איז דאך "כל ישראל בחזקת כשרות הם", ועאכו"כ אז רובם של ישראל בחזקת כשרות הם, און מ'זאגט אז "התורה על הרוב תדבר" וואס דערפון קומט אויס אז דער ציווי פון "מעלין בקודש" איז שייך עכ"פ פאר רובם של ישראל -

ולכאו' - וואס איז דער הכרח אויף דעם? ובפרט אז אין דעם ציווי פון "מעלין בקודש" גופא איז מען מדגיש, אז ס'איז שוין דא "קודש" און אעפ"כ זאגט מען אז ער דארף ניט שטייען על עמדו, נאר ס'דארף זיין "מעלין", ער דארף גיין פון זיין ארט, און גיין נאך העכער און מוסיף זיין.

און נאכמער: דער ציווי פון "מעלין בקודש" קומט בהמשך ובהוספה צו דעם ציווי "ולא מורידין" - וואס דערפון קומט אויס, אז תורה זאגט אים אז זיין הנהגה איז "קודש", און ער וועט אזוי זיכער אויך ממשיך זיין בעזר ה', "לא מורידין" - און אעפ"כ קומט בהוספה ע"ז דער ציווי אז עס דארף זיין ניט נאר "לא מורידין" נאר עס דארף זיין אויך "מעלין" -

פרעגט ער די שאלה: וואו איז דא דער הכרח אויף דעם?

וע"פ המבואר לעיל איז פארשטאנדיק - אז בשעת דער אויבערשטער גיט אים א מעגליכקייט צו אויך מעלה זיין בקודש - דארף ער טאן לפי מעמדו ומצבו זה בתכלית השלימות.

**לא.** ועד"ז איז דאס אויך אין דעם ענין פון הכרת תודה - אז **הכרת** תודה דארף זיין מתאים לפי התודה.

וואס דאס לערנט מען אפ אויך פון מנחת ביכורים (וואס איז פארבונדן מיט דער פסח פון שנה זו, מוצאי שביעית, ווארום דעמאלט איז דער ביעור הקודש מן הבית וכו') אויף יעדער זמן וואס א מענטש איז נהנה מן העוה"ז דארף ער בענטשן דעם אויבערשטן, ביז וואנעס אז הנהנה מן העוה"ז בלא ברכה איז כאילו גוזל אביו ואמו - משא"כ לאחרי הברכה.

וואס במה דברים אמורים אז ער איז יוצא דערמיט וואס קודם שנהנה וועט ער מאכן א ברכה - אז דאס רעדט זיך וועגן סתם פירות און ניט אין ארץ ישראל און ניט פארבונדן מיטן ביהמ"ק וכו' -

בשעת אבער דער אויבערשטער גיט אים אין דערויף גופא אן עשירות, אן "ארץ אשר תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה", און אין דעם ארץ גופא גיט ער אים א שדה וכרם משובחים, און אין דער שדה וכרם משובחים גיט ער אים פון די שבעה מינים שנשתבחה בהם **אפי'** א"י, ארץ ישראל בכללותה האט א שבח - און אין דערויף גופא גיט אים דער אויבערשטער א שבח נוסף על השבח, די ז' מינים ובפרט די חמשה מינים, און אין דערויף גופא, זעט ער אז ער האט, און ער נעמט, "**ראשית** בכורי אדמתך" -

דעמאלט איז ער ניט יוצא דערמיט וואס קודם שנהנה וועט ער מאכן א ברכה, נאר "וקמת ועלית", ער דארף גיין אין ירושלים עיה"ק אשר בחרתי בה, און דארטן גופא דארף ער גיין "אל הבית" וואס דער אויבערשטער האט אויסגעקליבן, און אים דעם בית דארף ער געפינען דעם כהן המשרת בקדש לפני ה' און דארף פאר אים זאגן ובקול רם

די תהלות ותשבחות - ווי דער פירוש אויף "והגדת - ושבחו" - ווי אויסגעדריקט אין די ברכות וואס זיינען פארבונדן מיט ביכורים.

לב. וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק אז פון מנחת ביכורים בא וועלכע עס איז פאראן תהלות ותשבחות אסאך מער ווי ביי סתם א ברכה קודם שניתנה, דערפאר וואס בא ביכורים האט אים דער אויבערשטער געגעבן עשירות - איז דא די הוראה, אז בשעת דער אויבערשטער גיט עשירות דארף מען טאן לפי מעמדו ומצבו פון עשירות בתכלית השלימות - אז עס דארף זיין "מעלין בקודש" כמדובר.

ובשעת דער אויבערשטער גיט אים נאך א יאר לעבן צי צענדליקע יארן לעבן, ביז "והיו ימיו מאה ועשרים שנה", וואס דאס גופא איז אן עשירות - דארף זיין דער "מעלין בקודש", די עשירות איז אים מזכה אז ער זאל איצטער טאן לפי מעמד ומצב העשירות, ער זאל ברייגנען א קרבן עשיר, בערך דעם קרבן וואס ער האט געבראכט פאר דערויף.

ועד"ז, כאמור, איז דאס אין דעם ענין פון הכרת תודה - אז הכרת תודה דארף זיין מתאים לפי התודה.

לג. כל האמור לעיל (אז בשעת דער אויבערשטער גיט עשירות דארף מען מכיר תודה זיין און טאן לפי דעם מעמד ומצב פון עשירות) איז בנוגע ליחידים, ועאכו"כ אז ס'איז אזוי ווען עס רעדט זיך בנוגע לרבים, ועאכו"כ - ווען עס רעדט זיך בנוגע למדינה כולה.

וואס דאס איז שולל א פארקערטע הנהגה:

אע"פ אז ס'איז א מדינה גדולה, און נאכמער - ס'איז א מדינה וואס האט באקומען דעם נאמען "סופער-פאוער" - הויבט מען אן טראכטן פון דער שיטה פון "אני את נפשי הצלתי", מ'שליסט זיך איין אין דער מדינה גופא, און דאס וואס עס טוט זיך בעולם כולה - איז מהיכי תיתי, דאס איז זייער ענין,

- אויב ער איז א מאמין זאגט ער אז ס'איז דעם אויבערשטנ'ס ענין -

אז ער זאל געבן מממונו ומגופו ומנפשו אויף לתקן עולם - דאס איז ניט זיין ענין.

פרעגט מען ביי אים די שאלה: דער אויבערשטער האט דאך דיר געגעבן כח און מעגליכקייט אז דו זאלסט משפיע זיין על כל העולם כולו, אויב ניט בבת אחת - איז באופן פון "לאט לאט אגרשנו" - איז פארוואס טוסטו ניט כדבעי למהוי לפי דעם מעמד ומצב?!

האט ער פארשידענע ערליי הסברות וכו', וואס די ערשטע הסברה איז - אז פריער דארף זיין "קשוט עצמך", און בשעת מ'וועט מתקן זיין כל הענינים אין די אייגענע ד' אמות, און דערנאך כל הענינים שבעירו ובמדינתו - וועט ער דעמאלט אנהויבן טראכטן וואס מ'זאל טאן, און ווי אזוי מ'זאל העלפן, די וואס געפינען זיך אין מדינות שמחוץ למדינה זו - סיידן אז מ'איז מוכרח מצד איומים וכיו"ב צו טראכטן וועגן דעם איידער ס'איז געווען דער "קשוט עצמך" כדבעי.

לד. איז דאס די הוראה האמורה לעיל - מען זאגט אים: דאס איז היפך הכרת התודה!

בשעת דער אויבערשטער גיט כח און מ'נוצט ניט אויס דעם כח כדבעי - איז דאס דער היפך פון ווי דער אויבערשטער וויל, וואס "לא ברא הקב"ה בעולמו דבר אחד לבטלה": בשעת דער אויבערשטער גיט כח און מ'נוצט ניט אויס דעם כח לטובה ולברכה ווי דער אויבערשטער, (וואס ער איז עצם הטוב ומטבע הטוב להיטיב) וויל - איז מען

מבלבל דעם סדר הבריאה וואס זי איז באשאפן געווארן אין אן אופן אז עס זאל ניט זיין קיין דבר אחד לבטלה.

ואדרבה: זי איז באשאפן געווארן אז זי זאל זיך פירן "בגבורות ה'", אין אן אופן אז מ'זאל זען דעם "זרוע ה'", און אז "אתה גבור לעולם אדנ-י", וואס ער איז "אדון אתה על כל בריותיך", שטילט ער אין אן אופן, אין דעם "עולם", און אין אן אופן פון "גבור", און אין אן אופן פון "אתה", "מראה באצבעו ואומר זה", דאס איז אין אן אופן פון "נוכח", מיוסד אויף אמונה פשוטה אין דעם אויבערשטן, כאילו ווי ער זעט אים אויך בעיני בשר!

וואס דאס איז אויך דעם זכות און דעם חיוב אויף טאן ככל הדרוש, כדבעי למהוי, אויף אויסנוצן אז ס'זאל זיין א שלום אמיתי בעולם.

וואס שלום אמיתי בעולם איז ווען דאס איז מיוסד אויף אמונה אין דעם אויבערשטן, וואס "שלום שמו".

און אמת-טאקע כדי צו דורכפירן דעם שלום, דארף מען רעדן צייטנווייז, מיט א לשון פון "גבורות", ס'איז אבער א דבר בטוח, אז בשעת מ'וועט רעדן מיט א לשון של גבורות, און די גבורות וועלן זיין לשם טוב אמיתי, ולשם שלום אמיתי -

וועט דעמאלט ניט זיין קיין זאך וואס וועט אנרירן אין צדק ויושר,

און דאס וועט אויך מתאים זיין, דאס וועט זיין אויסגעהאלטן, לויט די אנווייזונגען פון תורתנו "תורת חיים" - הוראה בחיים, וואס זי איז אויך א "תורת אמת", זי ברענגט ארויס דעם "אמת הוי'", ווי ער שטילט אין עולם,

וואס דאס איז דער אמת וואס איז פארבונדן מיט "לתקן עולם", אז די גאנצע וועלט זאל זיין אין אן אופן אז זי איז צוגעגרייט צו "לעבדו כולם שכם אחד".

**לה.** וואס דאס איז בנוגע צו די מדינה.

אבער כמדובר לעיל - איז דאס איז אויך נוגע לכאו"א, ובמיוחד - צווישן אידן גופא, וואס זיי זיינען דאך אן "עם חכם ונבון", און אויף זיי איז געזאגט געווארן אז תורה - "הלא חיינו ואורך ימינו" פון יעדערן פון זיי -

אז אס די וואס דער אויבערשטער האט זיי געגעבן עשירות באיזה ענין שיהי', אנהויבנדיק פון עשירות כפשוטה, אין זהב וכסף וממון, אריבערגייענדיק - השפעה על הסביבה, השפעה על הרבים, השפעה על המדינה.

עד"ז אויך אין עשירות פון רגש שבלב, וואס דאס איז דאך במיוחד נוגע צו חינוך הבנים והבנות, וואס דאס איז דאך מיוסד אויף דעם רגש שבלב - נאכמערער ווי אויף דעם שכל שבמוח, אע"פ אז עס דארף זיין אין אן אופן פון ניט נאכגעבן, אע"פ אז דער תלמיד או תלמידה בעטן פאר דעם ווײבאלד אז ס'איז ישר בעיניהם, אבער ס'איז ניט טובם האמיתית, ס'איז דער היפך -

אט דעמאלט האט ער גבורה מבחוץ, וואס זי איז מיוסד אויף אהבה האמיתית וואס געפינט זיך בלב האב והאם, והמחנך והמחנכת - צו זייערע בנים ובנות, און צו זייערע תלמידים און תלמידות.

**לו.** עד"ז - וביתר שאת וביתר עוז - די וואס האבן עשירות אין שכל, במוח שבראש, אז זיי זאלן דאס אויסנוצן במילואה, אז אע"פ וואס ער האט שוין גע'חזר'ט "פרקו מאה פעמים", וואס ווי ער זאגט אין תניא: "כך היתה הרגילות" - האט ער שוין אלץ געטאן ווי די רגילות פון תלמידי חכמים - ווענגן זיי רעדט זיך דאס;

דארף ער וויסן זיין, אז דאס היסט "אשר לא עבדו"!

ער מוז מוסיף זיין אז ס'זאל זיין "מאה פעמים ואחד", אדער ווי די צווייטע גירסא: "מאה פעמים ואחת"!

וכמבואר בכמה מקומות, אז ס'איז ניט דער פשט אז ער וועט לערנען מערניט ווי איין מאל (מער פון רגילות) - נאר וויבאלד אז דער אויבערשטער גיט אים עשירות אין חכמה און אין ימים, דארף ער לערנען כמה פעמים (מער פון זיין רגילות), וואס זיי אלע ווערן נכלל אין דעם "ואחד", אדער אין דעם "ואחת", וואס דאס איז א נייער סוג - ניט ווי דעם סוג פון ווי ער איז רגיל - וואס דאס איז "מאה פעמים"; ער גייט אריבער אין "אחד", אין "אחת", אין אן אנדער סוג, אן איין און איינציקער סוג פאר זיך, דער סוג פון למעלה מהרגילות!

ובלשון החסידות - למעלה ממדידה והגבלה.

**לז.** וואס דאס איז אויך די הוראה בנוגע למעשה בפועל, אז "מעלין בקודש" איז טאקע א הלכה אין תורה, אבער שלימות אין הלכה פון תורה איז, אז "גדול לימוד שמביא לידי מעשה".

ד.ה. אז מ'זאל אראפברייינגען די "מעלין בקודש", במעשה בפועל - פריער טאקע במחשבתו ובהחלטתו, און דערנאך זאל דאס ארויסקומען בדיבור, כדי אלע זאלן הערן און ממנו ילמדו.

און דערנאך - והוא העיקר: דאס זאל אראפקומען במעשה בפועל - אין "טוב לשמים" און "טוב לבריות", און זיי ווערן איין זאך, אין דעם יום השלישי "שהוכפל בו כי טוב",

און דערנאך ווערט דאס נמשך אין יום הרביעי, וואס גלייך נאך דעם איז געווען "נתלו המאורות" (מיט א תי"ו),

און בפרט נאך בשנה זו - אז ס'איז געווען דער "רואה חמה בתקופתה", אז מ'האט זוכה געווען צו זען "חמה בתקופתה", און דאס האט מעורר געווען יעדערן און יעדערע בתוככי כלל ישראל, אז מ'זאל בענטשן און ממשיך זיין דער "עושה מעשה בראשית" דא למטה, אין אן אופן אז יעדערן און יעדערע ענטפערט "אמן", ווי די גמ' זאגט אין דעם סיום וחותם פון מס' נזיר, אז "גדול העונה אמן יותר מן המברך", ווארום דאס איז משלים דער נצחון.

און מ'גרייט צו דער גאנצע וועלט, אנהויבנדיק פון צוגרייטן דער "עולם קטן - זה האדם" צו "מלכות ש-ד-י", אין אן אופן פון חירות,

און דערנאך "מיסמך גאולה לגאולה", "מיסמך" דער גאולה און דעם חירות פון דעם פרט, צו דער גאולה און דעם חירות פון דעם כלל -

אז ס'זאל זיין דער "זמן חירותינו", און עס פייערן און חוגג זיין אין דעם ביהמ"ק השלישי, "ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים.. על קיר מזבחך לרצון",

במהרה בימינו ממש, בביאת משיח צדקנו.

* * *

**לח.** בהמשך להאמור לעיל וועגן "לא ברא הקב"ה בעולמו דבר אחד לבטלה", נאר ווי ער זאגט אין מדרש אז "אשר ברא אלקים לעשות - לתקן", ווי רש"י איז דארט מפרש נאכמער בפרטיות.

ובלשון הגמ׳, אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט אין אן אופן אז "רוח צפונית אינה מסבבת", און דערנאך דארף קומען צוגיין א איד, א מענטש, און דארף משלים זיין - "לתקן", "לעשות", אט דאס וואס דער אויבערשטער האט מלכתחילה באשאפן אז ס׳זאל ניט זיין "לבטלה".

און בכדי דאס ארויסברייינגען מן הכח אל הפועל, איז דאס דורך דעם וואס "ובחרת בחיים", אין "נעשה שותף להקב"ה", אין "מעשה בראשית", ער איז משלים, און ברייינגט ארויס מן הכח אל הפועל, אנהויבנדיק פון דעם וואס "ברא את האדם ערל", און דערנאך זאל זיין דער ענין המילה, "נכנס לברית" - כידוע די שאלה און דער ענטפער אויף דערויף אין בראשית רבה.

ועד"ז ווי ער ברייינגט דארט דעם משל פון "תורמסין", ובכללות הענין - אז "האיש דרכו לכבוש", און דערנאך איז דא "מביא חטים - חטים כוסס?", האט ער אן "עזר כנגדו", אז די פרוי, און די הויז בכלל העלפט אים, אז דערפון מאכט מען א מאכל אדם כפשוטו.

און דערנאך עסט ער דעם מאכל מיט א ברכה לפני׳ ולאחרי׳, ווערט דאס "קרבני לחמי לאישי", "שולחן - זה המזבח", "שולחנו של אדם שמכפר עליו כמזבח", די ברכה לפני׳ ולאחרי׳ ווערט דאס אויך דעם מאכל אדם העליון, כמבואר באריכות בכמה מקומות.

**לס.** וואס דאס איז אויך - אז בשעת מען זעט אין דעם וועלט, כמדובר כמ"פ, אז אין "שאקלען" גופא, גייט דאס אין אן אופן פון היפך פון "להעלות", נאר אדרבה - הולך ומתדרדר, און "מצפון תפתח הרעה" - און מ׳דארף ניט האבן קיינע ביאורים בזה -

האט דער אויבערשטער אויפגעשטעלט א מדינה וואס זי זאל דאס קענען אפהאלטן,

און אפהאלטן איז נאך ניט מספיק, כמדובר לעיל, אז קרבן עני איז ניט מספיק לעשירים,

נאר דאס דארף זיין אין אזא אופן, אז מ׳זאל ניט צולאזן קיין התפשטות, נאר אדרבה - דארט זאל מען אויך אויפהערן טומלען במקומות ובמדינות אחרות, וואס דאס וועט אויך העלפן אז מ׳זאל ארייינברייינגען צדק ויושר פאר די וואס געפינען זיך דארטן גופא, אז זיי זאלן גיין "בשם אלקיו", און אידן בפרט, זאלן זיך קענען אופפירן אין אידישקייט ווי אידן דארפן זיך פירן, ווארום דאס איז זייער "לעבן" - "היא חיינו ואורך ימינו", מיט כל הפרטים הכלולים בזה.

וואס צוליב דעם דארף מען האבן דעם "כמאן דבעי למהוי", ובפרט בנוגע צו דער מדינה, וואס דער אויבערשטער האט זי אוועקגעשטעלט אין א מעמד ומצב, אז זי זאל קענען אפשטעלן די התפשטות פון כפירה, וואס דאס איז פארבונדן מיט די התפשטות פון שלום אמיתי בעולם, וכיו"ב,

און די התפשטות - והוא העיקר, אז מענטשן, און אידן במיוחד - זאלן דינען דעם אויבערשטן מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף, ובשלימותה.

וואס דאס איז דאך פארבונדן דערמיט וואס מ׳נוצט אויס די מדינה בכל האפשריות שלה בכל הכחות, אין אן אופן פון "כמאן דבעי למהוי" - אויף דינען.

ניט איינשליסן זיך און זאגן "אני את נפשי הצלתי".

וואס דאס איז אויך פארבונדן דערמיט וואס מ׳נוצט אויס די כחות וואס מ׳האט במדינה בשלימותם.

וואס בכלל איז דאס א מדינה וואס "לא תחסר כל בה", ניט ח"ו אויף אזויפיל ווי אין אה"ק, וואס אויף דערויף איז דער פסוק געזאגט געווארן,

אבער בשעת אז רוב אידן געפינען זיך במדינה אחת, אז אט דעמאלט ווערט דאס א מדינה, בדוגמא ווי ס'איז געווען ווען אידן האבן זיך געפונען אין מצרים, ועד"ז בכל המדינות שלאח"ז, איז די מדינה געווארן דער "רודה" בכל העולם כולו, מושל בכל העולם כולו, "בכיפה".

און דאס איז ווען מ'נוצט אויס די כחות וואס מ'האט אין דעם.

בשעת אבער ווען מ'דארף אנקומען צו א צווייטער מדינה אדער מדינות, ווער רעדט נאך - אנקומען אין א דבר חשוב, איז אט דעמאלט נעמט דאס צו פון דעם כח און דער השפעה, וואס די מדינה קען האבן.

**מ.** וואס דאס איז במיוחד א קשר צו "הרואה חמה בתקופתה",

וואס ווי מ'זעט בפועל - און מ'האט עס אויך געזען בשנים האחרונות - וכמדובר כמ"פ, אז מצד דערויף וואס דער חושך הגלות איז געווארן א חושך כפול ומכופל, באווייזט דער אויבערשטער ענינים וואס בדורות שלפנ"ז, ווען ס'איז געווען "הראשונים כמלאכים", איז געווען גענוג אז מ'וועט זיי באווייזן ברמז, און בדורות אלה, דארף מען דאס באווייזן אז מ'זאל דאס זען בעיני בשר, און דאס גופא - בהדגשה רבה,

זעט מען בפועל, אז בשעת די מדינה דארף אנקומען צו אויל, וכיו"ב, אט דעמאלט מוז זי פאלגן אנדערע, און פאלגן אין אזעלכע ענינים וואס זיי זיינען היפך הצדק והיושר והטוב,

ביז וואנעט - אויף אנרירן "נחלת עולם" וואס איז געגעבן געווארן "לעם עולם", און געגעבן געווארן מיט א "ברית עולם",

ובדרך ממילא איז דאס אויך מזיק דעם טוב גשמי, אפילו טוב חומרי פון דער מדינה עצמה.

וואס ביידע זאכן קענען דאך ניט זיין -

דער אויבערשטער האט אריינגעשטעלט די וועלט אין אזא אופן, אז פון "שש מאות שנה", איז ווי ער זאגט אין זהר, אז דעמאלט איז געווארן א ריבוי חכמה בעולם, וואס דאס האט אויך געבראכט אז ס'זאל אויך זיין א ריבוי אין חכמות חצוניות, להבדיל.

וואס דאס האט געבראכט צו פארשידענע אנטוויקלונגען און ענדעקונגען, וואס זיי זיינען פארבונדן מיט דעם אז מ'מוז האבן א זאך, וואס דאס זאל די אנטוויקלונגען און די ענדעקונגען ארבעטן ווי זיי זאלן ארבעטן.

וואס דאס איז פארבונדן מיט א חומר גשמי, וואס דער חומר גשמי, לכאו', געפינט זיך במקומות אחרות.

איז דאך ביידע זאכן: וויבאלד אז די מדינה האט אט דעם תפקיד צו ברענגען שלום אמיתי בעולם, און ניט אנרירן דעם צדק ויושר, אויך דעם צדק אז "נחלת עולם" געהערט צו "עם עולם", דורך דעם "ברית עולם" פון "אלקי עולם" -

מוז מען דאך זאגן אז אין דעם מעמד ומצב - פעלט דארט די עשית האדם, ווארום ס'קען ניט זיין אז א מדינה וואס דארף דאס טאן, זאל זיין א עבד, און

מוזן פאלגן אן עס שפל, דערפאר וואס דארטן בארצו - געפינט זיך אט דעם און דער ענין!

**מא.** זעט מען בעיני בשר - און אויך דערויף דארף מען ניט האבן קיינע הוכחות - אז ווען די מדינה וואלט אנטוויקלט אט די ענינים וואס זי האט בארצה ובקרקעיתה ובאדמתה, וואלט מען שוין לאנג ניט געדארפט אנקומען צו מדינות אחרות.

וכידוע און מבואר, און מ'האט שוין געשריבן וועגן דעם און גערעדט וועגן דעם, אז ווען מ'זאל פאנאנדער ארבעטן, די מעגליכקייטן וואס ס'איז דא אויף צו באקומען אויל אדער "קאלי" - קוילן, וכיו"ב - במדינה זו, וואלט מען שוין לאנג ניט געדארפט אנקומען צו מדינות אחרות, ואדרבה - זי האט עס אין אזא מין שופי, אז מ'זאל נאך קענען דערמיט משפיע זיין צו אנדערע מדינות, פונקט ווי מ'גיט פון אנדערע ענינים - איז מען א משפיע, ניט קיין מקבל!

מיוסד, אז ניט ח"ו מצד "כחי ועוצם ידי", און כדי להרבות הכבוד המדומה, און די ענינים של מה בכך, נאר דאס איז מיוסד אז דאס איז געגעבן געווארן דורך דעם אויבערשטן באדמתה של מדינה זו, און געגעבן געווארן כדי די מדינה זאל קענען פארשפרייטן די ציוויים וואס שטייען אין תורה, די שבע מצוות בני נח, מיט אלע זייערע סעיפים, סניפים און פרטים - בכל העולם כולו!

**מב.** וואס דא ווערט דאך אבער די שאלה: מה שהי' - הי'?

ביז וואנעט מ'וועט ניט אנטוויקלען די אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט מדינה זו, און צום אלעם ערשטן - געפינען דעם וועג אויף צו מבטל זיין דעם כח פון די **מנגדים** וואס געפינען זיך במדינה זו, און מסיבות שונות ומשונות - לאזן זיי ניט אז מ'זאל אנטוויקלען די אוצרות וואס זיינען דא אין דעם ארץ, אין אדמת מדינה זו - צי דאס איז אויל, צי דאס איז קוילן וכיו"ב, מצד סיבות ידועות ומפורסמות.

ולאחרי אז מ'וועט דאס שוין מבטל זיין, און ניט רעכענען זיך דערמיט וכו' - וועט עס דארפן נעמען א זמן ארוך, ביז אז מ'וועט דאס קענען אנטוויקלען אין אן אופן, אז ס'וועט בטל ווערן די הכנעה און די בקשות פון בעטן ביי אנדערע מדינות אז זיי זאלן דאס צושטעלן.

**מג.** דערמאנט "ברכת החמה" נאכאמאל בהדגשה, אז ס'איז דא אן אפענע וועג און א קלארע וועג:

ס'איז דא דער ענין לפנ"ז וואס מ'האט שוין אנגעהויבן טאן, וואס דאס איז פארבונדן מיט "אטאם" וכיו"ב - דאס איז דאך אבער פארבונדן מיט פארשידענע סכנות וואס אין כאן המקום להאריך בזה, מיט נאך כמה עיכובים וכיו"ב, אנהויבנדיק פון דעם עיכוב פון די וואס האבן א ריוח פרטי אויף ניט צולאזן אז די מדינה זאל זיין זעלבסטשטענדיק בכל הענינים, אנהויבנדיק פון א ענין עיקרי וואס דאס איז א דבר הכרחי כדי מ'זאל קענען אנגיין מיט די בתי חרושת און די בתי מלאכה וכיו"ב שבמדינה זו עצמה.

**מד.** איז אבער דא דער ענין פון חמה בתקופתה.

אט דאס וואס מ'האט שוין אנגעהויבן בכמה מדינות, אויך במדינה זו, אין א אופן קטן שבקטנים אין א אופן פון זעיר אנפין לגמרי, אויסנוצן די "אין נסתר מחמתו" די חמה, די היץ, די ווארעמקייט פון דער זון, אויסנוצן דאס אז דאס זאל ווערן א טרייבקראפט אז דאס זאל צושטעלן די ענערגיע און דעם מרץ וואס מ'דארף האבן אויף אנפירן מיט ענינים של בתי חרושת וכיו"ב.

וואס דאס האט אט די מדינה אין דרום המדינה בשופי גדול ביותר, דער חמתה פון שמש, די היץ פון די זון, און ס'איז אינגאנצן א דבר הכי קל, אז מ'זאל קענען ברייגנגען וואס ס'ווערט דארט באשאפן ווערן דורך דער חמה, פון דעם שמש, דורך דער היץ פון די קרני החמה אויף איבערברייינגען זיך בכל קצוי המדינה.

און דאס איז א ענין וואס פארלאנגט א זמן הכי קצר בערך פון דעם זמן וואס מ'דארף האבן אויף די אנדערע מקום אויף האבן מיט וואס צו באהייצן און באווארעמען וכו'.

אויף דערויף וועט מען קענען דאס דורכפירן ווען דאס וועט זיין געבויט אויף עזר ה' ואמונה בה', וועט מען זיך ניט רעכענען מיט די בלבולים וואס וועלן קומען פון בני אדם וואס זיי האבן אפשר פערזענליכע רווחים אויף ניט צוצולאזן דאס, און במשך זמן קצר לפ"ע וועט דאס באפרייען די גאנצע מדינה פון זיין משועבד צו די מלוכה'לעך וואס האבן דאס בארצם, און וואס מאיזה סיבה שתהי' האט מען דאס דארט פאנאנדערגעארבעט אנשי מדינה זו עצמה! אין א אופן אז דארט האט מען דאס ארויסגעבראכט מן הכח אל הפועל אויף דאס צושטעלן לכל העולם כולו.

**מה.** וואס לכאו' ווערט דאך א שאלה:

בשעת אידן קומען זיך צוזאמען, און מ'קומט זיך צוזאמען אין מקום תפלה אין א ביהכ"נ שמגדלין בו תפלה, א בית גדול של תפלה, מ'קומט זיך צוזאמען אין א בימ"ד שלומדים בו שיעורי תורה אין א אופן פון בית גדול - שמגדלין בו תורה, ווער רעדט נאך אז דערצו פאראייניקן זיך אויך אט די וואס הערן די רייד בכמה מקומות דורך די פארשידנע ענינים וואס מ'האט איינגעשטעלט אז מ'זאל דאס אויך הערן אין א מקום וואס ער איז רחוק בגשמיות אבער קרוב ברוחניות וואס דאס איז אמיתית הענין פון א אידן.

נשמתם עיקר וגופם טפל. וואס דאס ברייגנגט אויך אראפ בחלקו בעולם אויך עד"ז.

איז לכאו' האט מען געדארפט ריידן מערניט ווי דברי תורה, דברי התעוררות ויר"ש, עכ"פ וואס איז נוגע צו עבודת האדם - אתם קרויים אדם, צו עבודה פון א אידן אין זיין לשמש את קונו דורך אלע תרי"ג מצוות, ניט דוקא בנוגע צו די וואס זיי זיינען מחוייב אין שבע מצוות ב"נ, מיט אלע סעיפים טאקע, אבער זיי זיינען שבע מצוות. אמת טאקע דאס איז אויך דערפאר וואס דער אויבערשטער האט אזוי אנגעזאגט אין דעם זעלבן מ"ת, וואס די התחלה לזה איז געווען יצי"מ בפסח, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, וואס דעמאלט איז אויך געקומען דער חיוב (ווי דער רמב"ם זאגט) אז מ'דארף זיך משתדל זיין - אזוי האט משה רבינו באקומען בציווי מפי הגבורה, אויף איבערגעבן דערנאך צו קהלת יעקב - אז יעדער מענטש זאל מקיים זיין דעם לשבת יצרה - דעם ענין פון שבע מצוות ב"נ וכל הסניפים שלהם.

און דא רעדט מען לכאו' וועגן א ענין וואס דאס איז ניט שייכות דוקא צו אידן אלס אידן, מערניט צו אידן אלס תושבי המדינה,

אבער כאמור לעיל, התפללו אל שלום העיר, ווילבאלד אז מ'געפינט זיך דא,

ובעיקר, ומיוסד על המדובר לעיל, דאס איז נוגע אז אידן מאחורי מסך הברזל זאלן קענען לערנען תורה מיט מער מנוחה ווי זיי האבן געלערנט ביז איצטער, קענען מקיים זיין מצוות מיט מער הידור ווי זיי האבן דאס מקיים געווען ביז איצטער, און אויך נוגע צו די מנוחה פון די אידן דמדינה זו עצמה, וואס דערפאר דארף מען דא ניט צולאזן אט די וואס ווילן אריינברייינגען פירוד, וואס דאס ווערט באצאלט מיט די געלט וואס קומט פון דערפון וואס מ'גיט געלט פאר ברייינגען אויל וכיו"ב ממדינות אחרות עכ"פ בחלק חשוב של זה.

מו. די טענה אז וואס וועט מען אויפטאן דורך דערויף וואס צען אידן, בטלנים - שבטלים מצרכי עצמם, וועלן ריידן וועגן דערויף צווישן זיך -

איז כמדובר כמ"פ, דער רמב"ם האט אפגע'פסק'נט אז תורת אמת פסק'נט אפ אז א איד זאגט א דיבור אחד ע"פ התורה איז אט דעמאלט איז חייב לראות עצמו שקול וכל העולם כולו שקול, און דער דיבור אחד קען איבערוועגן עצמו וכל העולם לכף זכות און ברייגגען ישועה והצלה!

און ווי מ'האט דאס געזען אויך בפועל, אז א דיבור וואס מ'האט גערעדט ביחיד און דערנאך האט מען דאס גערעדט ברבים, און דערנאך האט מען זיך משתדל געווען אז דערנאך זאל דאס אנקומען צו א חוג רחב יותר ביז אין עיר הבירה, טאר מען זיך ניט מייאש זיין, כמדובר, מ'האט געזען בפועל אז דאס האט א השפעה, און א השפעה, בעזר ה', נאכמערער וויפל מ'שטעלט זיך פאר,

מז. וכמדובר, דאס איז טובת המדינה עצמה, ניט א זאך וואס מ'בעט א טובה פאר א צווייטן אדער פאר א חולה, דאס איז טובת המדינה עצמה זי זאל באפרייט ווערן פון דעם שעבוד פון די מדינות וואו ס'געפינט זיך אט דער און דער חומר, וואס דאס איז א שעבוד איגגאנצן ניט בארעכטיגט, דאס איז פארבונדן מערניט ווי העדר פון הכרת טובה, מ'באגרייפט ניט און מ'וויל ניט מודה זיין צו דעם אויבערשטן אז דער אויבערשטער האט באשאנקען די מדינה אויך מיט מקורות אויף מרץ און אויף "ענערג'י" מיט די אלערליי לשונות ווי דאס ווערט אנגערופן, אנהויבנדיק פון דער כח החמה, און ווי מ'האט ערשט געזאגט ביי ברכת החמה אז "אין נסתר מחמתו" אז ס'איז ניטא קיין אייז און אייגציקער ווינקל אין וועלט וואס איז אויסבאהאלטן פון דער ווארימקייט פון דער זון,

און דערויף איז אבער אויך דא דרגות, אז ס'איז דא אזוינע ערטער וואס פון דארטן איז נוסף וואס דאס איז געגוג פאר זיי פאר דעם ארט קען דאס אויך אראפגעבראכט ווערן אין דעם שטח וואס ארום דעם ארט, ביז אראפ געבראכט ווערן בכל מדינה כולה, ביז ארויסגעבראכט ווערן מן הכח אל הפועל אין א אופן פון די והותר אויף משפיע זיין אויך אויף אנדערע מדינות,

און אט דעמאלט אז ס'ווערט דער חירות פון אט דעם שעבוד, טוט מען מיט א תוקף גדול יותר, און מ'דארף גאר ניט אנקומען צו תוקף, דער עצם מציאות אליין אז דאס וועט באוואוסט ווערן, וועט דאס שוין מבטל זיין דעם לחץ וויבאלד אז ס'איז ניטא מיט וואס צו מאיים זיין, און מ'האט געזען אז מ'האט זיך ניט גערעכנט מיט די וואס ווילן דאס ניט צולאזן,

און מ'טוט דאס מצד דעם ציווי ה' אויף אויסנוצן די כוחות וואס דער אויבערשטער גיט במילואם, עאכו"כ די כוחות וואס דער אויבערשטער גיט א מדינה, א מלכות חסד אז זי זאל דאס אויסנוצן לטובת הפרט און לטובת הרבים און לטובת המדינה כולה און לטובת כל העולם כולו, א טוב אמיתי, ווארום דאס איז טוב לשמים און טוב לבריות,

איז א זיכערע זאך אז דאס וועט פועל זיין פעולתו, אנהויבנדיק צעד אחר צעד לאט לאט אגרשנו.

מח. ויה"ר אז דער לאט זאל זיין בזריזות אין א אופן פון אחישנה, ובקרוב ממש זאל זיך די מדינה איבערשטעלן לכל לראש אויף דאס וואס מ'וועט ארויסנעמען פון חמה בתקופתה אין דרום המדינה, און מ'וועט דאס ברייגגט בכל המדינה כולה, און דערנאך וועט מען אויך פאנאנדערארבעטן כל שאר הענינים, און דער עצם התחלה בזה וועט שוין מטיל אימה זיין אויף די אלע וואס זיינען מנגדים צו טוב וצדקה און די אלע וואס זיינען מנגדים אז מענטשן זאלן לעבן פריי און אידן זאלן לעבן פריי, וואס דאס הייסט לעבן לויט אידישקייט וכיו"ב.

און דורך דערויף אז "בשלומה לכם שלום" וועט צוקומען אין דעם לכם שלום, נאך זייענדיק אין די לעצטע טעג פון גלות,

אז ס'וועט זיין "ולכל בנ"י הי' אור במושבותם" און מ'שטייט שוין אין די לעצטע טעג פון גלות, אין א אופן פון ביד רמה,

וואס אויף דעם איז מען דאך צוגעגרייט אז גלייך ווי נגאלין מיד - רגע כמימרא, האט מען שוין די יד רמה אין דער הויך, און ווי רש"י טייטשט דאס אפ מיט א גבורה (מיט אלע לשונות וואס רש"י ברייינגט),

און ווי נאר משיח באווייזט זיך איז בנערינו ובזקננו בבנינו ובבנותינו וכספם וזהבם אתם, גייט מען מיט אים צוזאמען בגאולה האמיתית והשלימה אין ארץ אשר תמיד עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה, שלימות אין זמן און שינויים - **תמיד** עיני ה"א בה,

און מ'גייט אהינצו מיט שלימות העם, ווארום מ'נעמט מיט שלימות התורה, און מ'געפינט דארטן שלימות הארץ,

און מ'ברייינגט די גאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו ממש.

* * *

**מס.** צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה בכל דור ודור כו'.

* * *

**ג.** מ'שטייט דאך איצטער אין געציילטע טעג פאר פסח.

איז דאך כמדובר אין די התוועדות הקודמות, ובפרט נאך אנהויבנדיק פון פורים וואס דאס איז שלשים יום לפני החג, עאכו"כ ר"ח ניסן בפרוס החג וואס דאס איז לדעת ר"ג אויך שבועיים לפני החג, עאכו"כ "בעשור בחודש" וואס דאס איז בשנה זו דעם יום שלישי שהוכפל בו כי טוב,

וואס דאס דערמאנט דאך אויף "למכה מצרים בבכוריהם" אויף דעם נס גדול וואס איז געווען בעשרר לחודש אין מצרים בנוגע למכה מצרים בבכוריהם, פארבונדן וואס ס'איז געווען דער נס ביי אידן פון משכו ידיכם מע"ז וקחו לכם שה לבית אבות שה לבית.

וואס דא איז דאך אויך מודגש כמדובר כמ"פ דער ענין פון א משפחה בישראל,

וואס דאס איז דאך דער אויסנאם פון קרבן פסח לגבי כל שאר הקרבנות, אז בבית אחד יאכל - בחבורה אחת.

ביז וואנעט אז אויך בנוגע צו התחלת החג, בביתו של ישראל כשיבא מביהכ"נ, וואס דעמאלט איז דאך ווי ער זאגט אין סידור האריז"ל דארף מען זאגן בקול רם דער ענין ההגדה,

הויבט זיך צום אלעם ערשטן אן פון מבצע פון אהבת ישראל אז "כל דצריך" און "כל דכפין" לאדנט מען זיי איין, און מ'לאדנט זיי איין בקול רם.

דערנאך גלייך נאך דערויף הויבט מען אן פון קטנים און קטנות בישראל אז "כאן הבן שואל".

און ערשט דערנאך קומט דער ענין פון "עבדים היינו" דער ענין פון שעבוד מצרים וואס דאס איז די הקדמה צו "ויוציאנו" וואס כל ענין הירידה ו"עבדים היינו במצרים" איז כמדובר לעיל - צורך עלי' כדי ס'זאל קענען זיין "ויוציאנו ה' אלוקינו ממצרים" האט ניט געקענט זיין דער חסד און אהבת ה' בגלוי ווי דאס האט זיך ארויסגעוויזן אין דעם "ויוציאנו" סיידן ס'איז פריער געווען דער שעבוד מצרים, און אין א אופן פון "**עבדים** היינו במצרים".

וואס דאס איז דאך אויך דער פנימיות פון די ירידה צורך עלי', איז דאך אין דערויף דער אפטייטש אז דער גאנצער ענין פון דער ירידה איז, כדי ער זאל קענען צוקומען צו דער עלי' שלאח"ז.

**נא.** וואס דאס ווערט דאך גלייך פארבונדן אויף דערמאנען נאכאמאל אז מ'שטייט שוין בעשור בחודש ווי דער טאג שלפני לילה זו, און דערנאך קומט מען שוין פון דעם "עשור בחודש" אין דעם לילה און דעם טאג שלאח"ז, וואס דער נשיא זיינער איז נשיא לבני אשר,

וואס ער זאגט אויף דערויף אין מדרש אז דאס וואס יעדער נשיא האט מקריב געווען איז כל קרבנותיו געווען דורכגענומען מיט א "נקודה אחת" (מיט איין ענין).

איז דער ענין פון אשר איז געווען "ואשרו אתכם כל הגוים", אט דאס וואס דער אויבערשטער האט בוחר געווען אידן "סגולה מכל העמים" ווי ער ברייננגט אראפ אין מדרש, ביז אין אן אופן פון "**ואשרו** אתכם כל הגוים".

וואס אין אשר שטייט דאך בגלוי דער ענין פון "ואשרו". וואס "ואשרו אתכם כל הגוים איז דאך מוסיף (נוסף אויף דעם עיקר, וואס דער אויבערשטער איז בחר ביעקב ובניו מכל הגוים איז דאס געווארן אין אזא מין אופן) אז או"ה זיינען מסכים אויף דעם, און נאכמערער: אין א אופן פון "**ואשרו** אתכם כל הגוים",

בדוגמא ווי מ'זאגט בפרטיות בנוגע לגאולה העתידה במהרה בימינו ממש, אז ס'וועט זיין מלכים ושרותיהם וועלן זיין משרתים און עבדים און מיניקותיך ביי יעדער אידן און ביי אלע אידן.

וואס דאס איז דאך דער ענין ניט סתם הודאה, נאר דער ענין פון "ואשרו אתכם" און מ'איז מאשר די מנחה טהורה וואס מ'ברייננגט אין א כלי טהור אין בית ה', מ'העלפט ארויס יעדער אידן און אלע אידן ארויסגיין פון גלות און שעבוד אפילו באיזה דרגא שתהי' הכי קלה, מערניט ווי א רמז, ווארום ער שטייט שוין ביד רמה און אין אן אופן פון אור במושבותם, איז פאר א נשמה וואס זי איז א חלק אלוקה ממעל ממש איז ניטא קיין גרעסערער און טיפער ירידה ווי דאס איז כל זמן ער געפינט זיך ניט צוזאמען מיט אלקים אשר נתנה, נשמה בגוף - אבער צוזאמען איין דאך מיט עצמו"ה אויך בגלוי בגשמיות, אין גשמיות פון וועלט, אשר תמיד עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה.

**נב.** וואס ס'איז דאך אויך כאן הזמן און כאן המקום אין א מקום קדוש ובמעמד ומצב של כמה עשירות מישראל דערמאנען נאכאמאל און מעורר זיין בנוגע צו מבצע פסח, צו קמחא דפסחא, און מבצע פסח בכלל, ובל' ההגדה אז "כל דכפין ייתי וייכול און "כל דצריך ייתי ויפסח" ברוחניות הענינים.

און אין ענין יוצא מידי פשוטו בעיקר בגשמיות הענינים.

עאכו"כ די השתדלות פאר די וואס געפינען זיך אין א מעמד ומצב מיוחד צי דאס איז בבית הרופאים (אין די הוספיטעלער) אבער דאס איז בצבא אין א מעמד ומצב וואס ער מוז זיין שלא במקומו הרגיל ומעמדו ומצבו הרגיל,

עד"ז אויך די וואס געפינען זיך בבית האסורים כמדובר כמ"פ בארוכה און אויך בשנה זו.

וואס אויך א מבצע גורר מבצע, אז מ'דערמאנט און מ'רעדט שוין וועגן מבצעים איז אויך דער מבצע וואס דער אויבערשטער דארף טאן פון "ואתם תלוקטו לאחד אחד" אנהויבנדיק פון די וואס געפינען זיך אין א בירא עמיקתא לגבי אונז, אט די וואס געפינען זיך מאחורי מסך הברזל וואס זיי האבן דאך שווערקייטן שלא בערך די שווערקייטן וואס זיינען דא אין ארצות החופש אין די מדינות בנוגע ללימוד התורה וקיום מצוותי' וואס "הם חיינו ואורך ימינו",

נג. וואס דער מבצע איז דאך אויך פארבונדן מיט שאר המבצעים פון בו"ד, אנהויבנדיק פון מבצע אהבת ישראל וואס דאס איז דאך אויך דער יסוד פון "כל דכפין" און "כל דצריך",

דער מבצע פון חינוך, ווי גערעדט פריער בארוכה, אז דאס איז דער ענין אויף וועלכע ס'האלטן זיך גדלים וואס פון זיי וואקסט דערנאך אויס אז פון די גדלים זאל ווערן דערנאך תיישים, ע"י חינוך המתאים,

וואס דאס איז פארבונדן דורך דערויף וואס דער אויבערשטער איז מחנך אידן געבנדיק זיי תורה ומצוותי', וואס די התחלה בזה איז געווען אין ר"ח ניסן באמירת "החודש הזה לכם ראש חדשים", וואס דאס איז געווען די מצוה ראשונה שנתנה מהקב"ה ע"י משה ואהרן לכל אחד ואחת מישראל עד סוף כל הדורות, און אין א אופן פון גאולה, מתאים צו דעם זמן ווען די מצוה איז געגעבן געווארן כדי מ'זאל איר קענען מקיים זיין, אז מ'שטייט אין א מעמד ומצב פון חירות און גאולה, אין א אופן בלי מדידות והגבלות, בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך.

דאס קומט דערנאך אראפ אין די מבצעים כלליים, וואס זיי זיינען פרטים לגבי מבצעים אלו, וואס דאס איז דער "מבצע תורה" און "מבצע תפילין" אויף וועלכע מ'זאגט דערנאך "למען תהי' תורת ה'.. כי בחזק יד הוציאנו ה' ממצרים" - פארבונדן מיט יצי"מ, הוקשה כל התורה כולה לתפילין, וואס דערפאר איז דאך ביי רוב המצוות ככולם, זאגט מען אז זיי זיינען "זכר ליצי"מ",

ובפרט ווי גערעדט אין דעם מאמר וואס איז גענומען פון מאמרי רבותינו נשיאנו, מיוסד אויף דעם פרק אין תניא אז יצי"מ איז דאס עבודת כל יום ויום לכל אחד ואחת און נאכמערער - פעמיים בכל יום לויט דער שינוי וואס ס'איז דא ביי יעדערער, וואס יעדערער איז א בעל שינוי, אט איז ער לילה און אט איז ער יום און אט איז ער יום און אט איז ער לילה.

דערנאך קומט דאס אראפ אין "מבצע מזוזה": אז ס'ווערט ניכר "בביתך ובשעריך" דער ענין אז דאס געהערט אלץ "לה' הארץ ומלואה".

מבצע צדקה; וואס צדקה עשה הקב"ה שפיזרן לבין או"ה, איז דאס בתור צדקה ניט ח"ו צוליב דעם פיזור, נאר דער פיזור איז דער עונש און צרה הכי גדולה, נאר בשעת א איד טראכט זיך ארײַן דער תכלית שבזה אז דאס איז צורך עלי', [אנדערש קען ניט ארויסגעוויזן ווערן די אהבה וחיבה פון "הוציאך מאמ"צ" סיידן אז פריער איז דא דער ענין פון "עבדים היינו לפרעה", אבער אויך דער ענין פון עבדים היינו איז דאס אויך מצד] גזירת הקב"ה, כמבואר אין תושב"כ בפשטות, עאכו"כ ווי דאס איז מבואר אין תושבע"פ ביז לפס"ד הלכה בפועל.

וואס דערנאך קומט דאס אראפ אין א "בית מלא ספרים - יבנה וחכמי'" תורה שבע"פ בגדלות ובהרחבה, ביז וואנעט אז אפילו אין זמן הגלות האט מען זיך געפירט אין יבנה בנוגע צו תקי"ש וכיו"ב ווי מ'האט זיך געפירט אין ביהמ"ק בירושלים, כמבואר במשנה ביז אין פוסקים,

עאכו"כ ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט נשים צדקניות, וואס בדור זה זיינען דאך נשי ישראל (כמבואר אין ספר הליקוטים להאריז"ל) בדוגמא פון די נשים צדקניות בדור שיצאו ממצרים, וואס זיי האבן אויפגעשטעלט די צבאות ה', וואס הם הכירוהו תחילה.

וואס דאס איז דאך אויך פאנאנדערגעטיילט אין דעם חוט המשולש: דעם ענין פון נרות שבת קודש ויו"ט, ובפרט אין יו"ט פסח וואס קומט גלייך נאך שבת, האט מען דאך נאכאנאנד די נרות שבת און דערנאך די נרות יו"ט, און דערנאך די נרות פון די ימים האחרונים שביו"ט זה.

וואס דאס גיט כח והתחלה ביתר שאת וביתר עז על כל השבתות והימים טובים עד סוף כל הדורות, אז ס'זאל זיין לאיר מזלם, און דער ענין פון "כשרות האכילה ושתי'" און דער ענין פון "טהרת המשפחה" וואס דאס איז דאך די הקדמה צו "וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם", אשריכם ישראל [מל' אשר אז] לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם, אבינו שבשמים שנאמר מקוה ישראל ה', וזרקתי עליכם מים טהורים, מיט די גאנצע אריכות אין דער משנה, און דערנאך אין דעם מאמר ד"ה זה בארוכה ווי די ענינים זיינען אין פשט רמז דרוש סוד שבתורה.

ויה"ר אז פון די אלע מבצעים זאל ארויס, כמדובר לעיל, ובמהרה בימינו ממש, דער מבצע פון דעם אויבערשטן, דער "ואתם תלוקטו לאחד אחד",

בנערינו ובזקננו בבנינו ובבנותינו.

**נד.** מ'האט דאך פריער דערמאנט דער ענין פון מעלין בקדש,

איז לאחרי ההפסק פון זאגן לחיים ובשמחה ובתרועה (חייך) ובקול קדול, וועט מען ממשיך זיין וועגן (חייך) א ענין חדש, ניט קיין גזירה חדשה ח"ו אני גוזר עליכם, אבער פון א הצעה און א בקשה,

וכפי שיתבאר לקמן, ומתוך שמחה וטוב לבב. לחיים.

* * *

**נה.** ס'איז דאך די לעצטע חדשים רעדט זיך שוין, און רעדט זיך מיט א פרסום און רעדט זיך מיט א שטורעם בנוגע צו צבאות ה'.

די אלע אידישע קינדער סיי אינגעלאך און סיי מיידעלאך, הבל שאין בו חטא ווארום זיי זיינען פאר בר מצוה און פאר בת מצוה, פאראייניקן זיי מיט ה', וואס דורך דערויף פאראייניקן זיי זיך יעדערער איינער מיט די צווייטע, ביז וואנעט אז ס'ווערט פון זיי אלעמען צבאות ה'.

בדוגמא וואס דער נאמען איז גענומען געווארן (וואס דערפאר איז דאס אויך בדוגמא) וואס ס'שטייט ביי יצי"מ, ווי אזוי איז דאס געווען - דערפאר וואס הוציא ה' צבאות ישראל וואס דאס איז פארבונדן מיט צבאות ה' אז אלע בנ"י איז הוציא ה' אותם על צבאותם, כל בנ"י,

אז אידן האבן דעמאלט באקומען דעם נאמען פון צבאות השם.

און הם הכירוהו תחילה, וואס דערפאר איז דאס אויך פארבונדן אין גלות האחרון אין די לעצטע רגעים לפני בא יום ה' הגדול, וואס דעמאלט איז דאך בא אלי' הנביא, והשיב לב אבות על בנים ווי רש"י טייטשט אפ "לב אבות ע"י בנים", נאכמערער ווי זיי זיינען פארבונדן (די אבות) מיטן אויבערשטן, ווערט דאס נאכמערער להעלות בקדש ע"י בנים ובנות.

וואס דערפאר איז דאך דער מבצע פון צבאות ה' אויך פארבונדן מיט די ערוואקסענע נאר דא איז הם הכירוהו תחילה, אז זיי זיינען נאכמער מוסיף אין די עלטערן ווי די עלטערן שטייען אין זייער צבאות ה',

וואס אין צבא כפשוטו זעט מען דאך אויך אז ס'איז דא כמה דרגות און ס'איז אויך דא חילוקים ווער ס'איז דער מתחיל און ווער ס'גיט אריין דער רוח חיות מיט די התעוררות מיטן שטורעם אין אנשי הצבא, איז דא בכל פלוגה ופלוגה די וואס זיינען מער מסוגל לזה ושייך לזה, און דער עיקר: די וואס טוען דאס בפועל.

און "הבל שאין בו חטא" איז דאס ווי ער זאגט אין דער נבואה אז "והשיב לב אבות ע"י בנים".

**נו.** וואס דורך דערויף וואס זיי האבן דעם זעלבן נאמען איז דאס גופא איז מאחד אפי' אז מ'געפינט זיך במקומות וואס בגשמיות זיינען זיי רחוקים זה מזה, אפילו מ'געפינט זיך אין א מעמד ומצב מצד דעם חינוך אדער מצד אנדערע סיבות, אז מ'איז רחוק זה מזה אין דעם אופן פון דינען דעם אויבערשטן אין לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, ביז אויך די חילוקים וואס זיינען דא ע"פ תורה אז די זיינען ממשפחת כהנים און די זיינען ממשפחת לויים און די זיינען ממשפחת ישראלים און די זיינען ממשפחת גרך ביז גרך אשר בשעריך.

- פאראלעליזירט זיי אבער אט דאס וואס זיי געפינען זיך אלע אין די זעלבע "צבאות ה'" וואס די מטרה איז די זעלבע: להוסיף אין פארשפרייטן אידישקייט ביי זיך און אין דער הויז און ארום זיך, ביז אז דאס זאל דערגרייכן אין דער גאנצער וועלט נרות להאיר,

און טאן דאס אין א אופן מיט א תמימות וואס דאס איז מסגולת פון קינדער און קלין פנימיות, זיי מיינען דאס מיט אן אמת, און אין א אופן פון "אל יבוש מפני המלעיגים" ווארום בשעת ער איז אין צבא ה' במילא האט ער מיט זיך צוזאמען כמדובר כמ"פ, אז אין צבא בכל אדם איז דער עומד בראש הצבא געפינט זיך במקום אחד און די אנשי צבא מפוזרים בכ"מ,

דער אויבערשטער וואס מלא כל הארץ כבודו בכלל, און בפרט נאך בנוגע צו אידן וואס יעדער איז האט אין זיך חלק אלוקה ממעל ממש - אט דאס איז ער! דאס איז זיין נשמה און דאס איז זיין עיקר.

עאכו"כ אז ער האט זיך פארשריבן און געגעבן מרצונו ומתשוקתו און אויך מממונו צו צדקה וואס בשעת א איד גיט צדקה גיט ער דאך דאס צום אויבערשטן "ויקחו לי תרומה" - אז מ'גיט תרומה אויף א ענין של קדושה ווערט דאס א ענין פון ויקחו לי.

און ווי דער דיוק בזה איז אז ניט נאר ס'איז דא דער ויתנו לי, נאר ויקחו לי - אותי אתם לוקחים, ווי ער טייטשט דאס אפ אז דורך דערויף נעמט ער און ווערט איין זאך מיטן אויבערשטן.

כמילא איז ניט שייכות ער זאל זיך פאר אימיצן שעמען אדער פאר אימיצן שרעקן זיך, און ס'איז ניט שייכות אויך מפוזר ומפורד, וויבאלד אז זיי אלע זיינען אונטערווארפן און פארבונדן מיטן זעלבן עומד בראש הצבא, ווי דערמאנט פריער פון דער קאפיטל תהילים, וואס דאס איז אלקים צבאות, און נאכמערער, אז ה' אלקים צבאות,

- ווערן זיי דאך איין זאך.

**נז.** אעפ״כ זיי דארפן דאך אויך האבן צוטאן מיט וועלט, עוה״ז הגשמי, זיי דארפן דאך בפרט אויך איינוווירקן אויף אנדערע קינדער אידישע קינדער, וואס מאיזה סיבה שתהי׳ ווייסן זיי נאך ניט אז זיי זיינען ״ארץ חפץ״,

איז דערפאר האט מען אויך מסכים געווען און מציע געווען אז ס׳זאל זיין נאך ענינים המאחדים (וואס פארבינדן) זיי אלעמען צוזאמען, צי דאס וועט זיין דורך דעם זעלבן צבע פון א לבוש, אדער דער זעלבער צבע פון א סיסמה וכיו״ב, ווי ס׳איז שוין נתפשט געווארן טאקע מיט שינויים ממדינה למדינה, ס׳איז אבער דא ענינים דער צד השוה און נקודות השוות בנוגע צו די ציורים און בנוגע דאס וואס מ׳מאלט אויס אויפן בגד אדער דער בגד אליין, כידוע ומפורסם.

אחדות אמיתית אבער - ווי ער זאגט גלייך ארויסגייענדיק ממצרים אז ״כאיש אחד ובלב אחד״ איז בשעת דאס איז פארבונדן ״נגד ההר״, פארבונדן מיט ענין פון תורה ומצוותי׳ בכלל, און נאכמער פארבונדן מיט ״ההר״ וואס דארט איז געגעבן געווארן די תורה - מ״ת, משה קיבל תורה מסיני, און כדי דאס זאל אראפ אין א ענין וואס מ׳זעט דאס אויך בעיני בשר, ביז וואנעט אז א קינד וואס ער איז ״ארץ חפץ״ נאר ער וויס נאך ניט דערפון, דארף מען אים ניט מסביר זיין בדיבור מ׳באווייזט אים א זאך וואס מ׳זעט בעיני בשר איז דאס במיוחד אין תושב״כ איז דאס אויך געווען בנוגע צו הר סיני אז תושב״כ חמשה חומשי תורה האט מען איינגאנצן אפגעגעבן בהר סיני,

בנוגע צו תושבע״פ אז ס׳איז ״להורותם״ איז דערנאך געווען במשך כל הדורות כולם. אע״פ וואס דער כלל און דער יסוד איז געווען בהר סיני, וואס דעמאלט איז געווען אויך די ענינים פון כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש ווען קומט דאס אבער ארויס בגלוי און אלס א חידוש, ווען ס׳ווערט געבארן דער תלמיד ותיק און ער לערנט תורה ביז ער דערגרייכט צו דער דרגא אז ער איז מחדש דעם ענין, משא״כ תושב״כ.

וואס דערפאר איז כדי ס׳זאל זיין כאיש אחד ובלב אחד אין אן אופן אז דאס זאל זיין פארבונדן און געזען דורך עיני בשר אפי׳ פון א קינד וואס ער וויס נאך ניט אז ער איז ארץ חפץ, און געהערט צו תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב איז דאס דורך תושב״כ.

**נח.** וואס דערפאר איז מען מציע א מבצע חדש לגמרי, אז מ׳זאל שרייבן א ס״ת, און די אותיות שבס״ת זו זאלן זיין מערניט ווי פאר צבאות ה׳, פאר אינגעלאך און מיידעלאך וואס זיינען קודם בר מצוה און קודם בת מצוה,

און יעדער פון זיי זאל האבן דארט אן אות, און א איד דארף דאך ניט האבן נהמא דכיסופא, ער קען באווייזן אויף קויפן דאס וואס דעמאלט האט ער דאס בתכלית השלימות, -

זאל יעדערער פון זיי געבן און אויך א סכום שוה לכל אחד ואחת, און וויבאלד אז מ׳געפינט זיך און די הצעה קומט פון ארה״ב, זאל יעדערער פון זיי געבן א דאלאר.

דער וואס האט נאך ניט אזא מין גרויסן סכום ברשות עצמו, וועט מען אים דאס ערלויבן אז ער זאל דאס נעמען אויף אויסצאלן, זינט מ׳וועט אנהויבן שרייבן דעם ס״ת אבי ער זאל דאס באצאלן איידער מ׳וועט מסלים זיין דעם ס״ת.

**נט.** און כמדובר - דאס איז א ס״ת געשריבן ע״י כל ישראל וואס געפינען זיך דא, בהסכמתם וברצונם ובודאי מתוך תענוג ורצון שלהם,

אבער די עצה שבתורה זו איז דאס במיוחד פאר אינגעלאך און מיידלאך פאר בר מצוה און פאר בת מצוה.

וואס בשעת די ס"ת וועט נסתיים ווערן וועט דאס ווערן א תורה אחת, אן איין און איינציקע ס"ת, ס'איז דאך ניט חמשה ספרים ס'איז דאך איין תורה וואס האט אין זיך "חצבה עמודי' שבעה" און חמשה חומשי תורה און אזויפיל אותיות וכו', אבער דאס איז א תורה אחת, דאס פאראייניקט אלע זאכן כאחד,

וכידוע דער ווארט פון דער ראגעטשאווער אז פון דעם ערשטן ב"ת פון בראשית ביז דעם ל' פון לעיני כל ישראל (לב) איז דאס א תיבה אחת.

ביז כמדובר - אז דאס איז א הלכה פסוקה בתורה במעשה בפועל, אז א תורה כשרה דארף זי האבן אזויפיל און אזויפיל אותיות מיט תגין וכו' וכו', און דעמאלט ווערט זי א מציאות אחת, א תורה אחת.

ס. כדי פאראייניקן די זאך נאמכערער, זאל דאס געשריבן ווערן אין אן ארץ וואס זי איז אויך מיוחדת אן איין און איינציקע לאנד צווישן אלע לענדער פון דער גאנצער וועלט, וואס דאס איז ארץ הקדש ארץ וואס תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה,

און דארט גופא איז דאך דא מקומות - "לא תחסר כל בה" ס'איז דאך דא ארץ הרים ובקעות מיט אלע פרטים ופרטי פרטים שבדבר,

איז אבער דא אין ארץ ישראל א ענין און א ארט וואס לא נתחלקה לשבטים און דאס איז מאחד "עיר שחוברה לה יחדיו" דאס איז מאחד אלע אידן צוזאמען, און מאחד אלע ענינים שבא"י צוזאמען, אין ירושלים עיר הקדש.

סא. אויב רבנים וועלן פסק'נען אז מ'דארף האבן לכה"פ עשרה מישראל, זאלן קויפן עשר אותיות, וועט מען מאכן אן אויסנאם פאר דעם סופר וואס וועט שרייבן די ס"ת, און אן אויסנאם מ'דארף דאך האבן אויף יעדער ענין אידן וואס זיי זאלן זיין משגיחים על זה ועומדים על גביהם סיי פון דער סופר סיי פון דער קלייבן די געלט, סיי צו פאנאנדערעכנען זיך מיט דעם סופר וכיו"ב,

וואס דאס וועט מען איבערגעבן צו באי כוחי - צו דעם בי"ד פון אונזערע רבנים וואס געפינען זיך אין אה"ק צוזאמען מיט זייער מזכיר, אז זיי זאלן זיין די וואס וועלן דאס מארגן זיין בפועל, געפינען דעם סופר, צוזאמענריידן זיך מיט אים וועגן אלע פרטים,

און דער עיקר: זען אז ס'זאל זיין בכשרות הכי גדולה און דער עיקר אז ס'זאל זיין אויך אין א אופן פון אחישנה, בזריזות הכי גדולה, אז ס'זאל געשריבן ווערן בפועל אין א אופן מ'זאל איר קענען מסיים זיין, ניט ח"ו אנרירנדיק עפעס פון דער דיוק הכתיבה וכל השייך לזה, אין א אופן אז ס'זאל זיין אחישנה אין זריזות אין דער זריזות עצמה.

סב. מסתמא הערן זיי אדער מ'וועט זיי איבערגעבן אט דאס וואס מ'האט דא גערעדט איז גלייך נאך אין מיטוואך'דיקן טאג שבו נתלו המאורות, זאלן זיי זיך גלייך אנהויבן טאן אין דעם, אויף געפינען דעם פאסיקן סופר, און וואס ער זאל שרייבן דוקא אין ירושלים עיר הקדש, און געפינען דארטן לפי מעמד ומצב ההוא וואס פאר א הידור ס'דארף זיין בנוגע לעור און בנוגע צו די דיו קולמוס מיט כל ענינים השייכים לכתיבה זו,

און מה טוב, ווי כאמור, אז ס'זאל זיין בזריזות הכי גדולה,

סג. וכאמור, אז די אלע קינדער וואס זיינען אין צבאות ה' שוין, עאכו"כ די וואס מ'וועט זיי אצטער צוציען, דארף זין ביי זיי זיין די תשוקה ביתר שאת וביתר עז זאל יעדערער וואס וויל ברצון הטוב קויפן אן אות, און דער תשלום לזה איז א דאלאר און לאו דוקא בבת אחת ווי דער מחצית השקל, וואס ס'איז אן אויסנאם אז

ס'דארף זיין דוקא בבת אחת, און דא מאכט ניט אויס אז מ'וועט דאס אויסצאלן במשך הזמן, אבי עס זאל זיין מכספו וואס יכול לקנות בו חיי נפשו און ער גיט דאס אפ אויף אן אות בתורה, וואס ווערט געשריבן אין ארץ הקדש און דארט גופא אין ירושלים עיר הקודש.

און תחת השגחת ובפיקוחם פון כמה רבנים מורי הלכה בישראל וואס געפינען זיך אויך אין ארץ הקדש, וואס בודאי וועלן זיי אין דערויף מדייק זיין ככל הדרוש.

**סד.** ובפרט נאך אז עס רעדט זיך וועגן דערויף אין א מקום תורה און א מקום תפלה, ובית גדול שמגדלים בו תפלה ושמגדלין בו תורה, און אין אן עת רצון פון כמה עשיריות מישראל וואס שכינתא שריא,

און אין א שנת הקהל, און א חודש ניסן, וואס ווי די גמ' זאגט אין ברכות אז א ווארט וואס ס'שטייט צוויי נו"ן איז דאס א סימן אז ניסי ניסים נעשו לו,

זאל דאס זיין אויך אין די אלע ענינים כפי הדרוש ביז אין אן אופן פון ניסי ניסים, אבער א תורה כשרה דארף געשריבן ווערן בדרך הטבע, מיט דיו טבעי און מיט קולמוס טבעי, און פון א אידן וואס געפינט זיך א נשמה בגוף, און שרייבט מיט זיין ידו הטבעית, מיט אלע כוונות - אבער באצבע ובקולמוס ובדיו ועל קלף גשמי.

**סה.** וכאן המקום אויך להוסיף אע"פ וואס דאס איז מובן, אז ס'איז דאך אזוינע אינגעלאך און מיידעלאך וואס זיי ווערן בר מצוה י"ב ניסן,

זאלן זיי ארייננכאפן י"א ניסן, זיינען זיי נאך פאר בר מצוה און פאר בת מצוה, זיינען זיי (ווי מ'זאגט בלשון המדינה) "עלעדשיבל" זיינען זיי נאך ראוי אויף קויפן אן אות אין דער תורה, משא"כ נאך בר מצוה, און זיי דארפן קויפן א אות אין א ס"ת וואס זי איז אויך א כשרה ומדויקת וכשרה וכו', אבער דאס איז שוין פארבונדן מיט ערוואקסענע וכו' וכו', און זיי זיינען דער עיקר.

**סו.** און אט דא איז דאס א ס"ת פאר א צבאות ה', פאר הבל שאין בו חטא, בארץ הקדש ובעיר הקדש עיר בה חנה דוד,

ובקרוב ממש זאל מען קענען לערנען תורה מפיו של משיח תורתו של משיח,

און אנהויבן גרייטן זיך צו די שנת הקהל, וואס מ'הויבט זיך אן דערצו גרייטן גלייך כי תבאו אל הארץ, זאגט מען ושבתה הארץ שבת לה' דאס איז די הכנה ווארום ווען קומט שביעית - נאך דערויף וואס שש שנים תזרע שדך,

און בשעת די התחלת הכניסה איז גלייך מחשבתו אין ושבתה הארץ שבת לה', וואס דער סיום וחותם פון מקץ שנת השמיטה איז דאך דאס דער שנת הקהל און הקהל בפועל, וועט מען זיך אנהויבן גרייטן דורך "הקהל את העם האנשים והנשים והטף" צו דער גאולה און קבלת פני משיח צדקנו, צו דעם הקהל אין ביהמ"ק השלישי.

**סז.** ויה"ר אז די אלע ענינים זאלן געטאן ווערן מתוך שמחה וטוב לבב, און זאל שוין זיין "ויחן שם ישראל נגד ההר כאיש אחד בלב אחד", איז קינדער אינגעלאך און מיידעלאך צוזאמען מיט לב אבות, די עלטערן זייערע די פאטערס מיט די מוטערס און די זיידעס מיט די באבעס, און די עלטערע פון זיי און די קלענערע פון זיי און די עוברים העתידים להולד במעי אמו,

און צוזאמען גרייטן זיך לקבל פני משיח צדקנו, בשמחה ובטוב לבב.

התחיל לנגן ווי וואנט משיח נאו.

* * *

סח. אויף מסיים זיין מיט שיעור החומש, שיעור פון תושב"כ פארבונדן מיט יום הרביעי שבו נתלו המאורות, פון פ' אחרי.

רעדט זיך דארטן דער ענין פון שחוטי חוץ, שחיטה בחוץ און פאר דערויף המעלה בחוץ והשוחט בחוץ,

וואס אין דערויף כאמור, זאגט דאך דער אלטער רבי אז מ'דארף לעבן מיט דער צייט מיט פרשת השבוע, און אין פרשת השבוע גופא מיט דעם שיעור פון דעם טאג,

איז עכ"פ די נקודה בקיצור: אז יעדער אידן האט דער אויבערשטער געגעבן חלב ודם.

דער כח התענוג שבנפש וואס דאס פירט אן מיטן גאנצן נפש און אויך מיטן גוף ביז אויף אזויפיל אז שמועה טובה תדשן עצם, אפילו ווען ער איז שוין דורכגעגאנגען דער גיל וואס ער וואקסט, האט דער כח התענוג בכח אז רגע כמימרא ווערט גלייך תדשן עצם בפועל די עצם הגשמית.

און דערנאך איז הדם הוא הנפש, וואס בפועל בחיי יום יום איז דאס דער ענין פון קאכן זיך,

וואס דאס איז די צוויי ענינים וואס זיי פירן אן מיטן מענטשן בכל עניניו, אז ס'זאל זיין א מעשה א דיבור און א מחשבה ווי ער זאגט אין סידור אין דרושי ראש השנה ע"פ כוונת הבעש"ט דארף זיך דאס אנהויבן דערפון וואס ער האט א תענוג אין דעם.

וואס דאס איז דער ענין פון חלב.

דערנאך איז דער ענין פון דם:

אז ער האט א נפש און דער נפש איז מחי' את הגוף און מסבב בכל הגוף, און דאס איז מיט א חמימות, וואס דאס איז דער ענין הדם - דער קאך, איז אט דעמאלט קומט דאס אראפ ביז אין מעשה בפועל.

וואס דאס איז דאך דער ענין פון א קרבן איז ווי ער זאגט אין יחזקאל להקריב חלב ודם.

אט דאס איז די נקודות און דער עיקר פון א קרבן ווי ער זאגט בפירוש אין תושב"כ אין נבואת יחזקאל דער נביא פון ביהמ"ק השלישי.

און אויך כמבואר בארוכה אין די דרושים וואו ס'רעדט זיך ווי דאס איז דער ענין פון חלב ודם, תענוג און קאך אין עבודת האדם.

און אט דא זאגט מען: אז וויבאלד אז לא ברא הקב"ה דבר א' בעולמו לבטלה, איז א זיכערע זאך אז דער תענוג וואס אין יעדער אידן און דער קאך וואס ביי אידן דארף אויסגענוצט ווערן אין עניני קדושה, עאכו"כ אז מ'האט די הבטחה אז אל ידח ממנו נידח, אז אזוי וועט דאס זיין בפועל,

נאר מ'האט דאך דעם יפה שעה אחת קודם זריזין מקדימין למצוות, אפילו אין דעם זעלבן טאג. עאכו"כ אויף ניט אפלייגן דאס אויף מארגן.

עאכו"כ אויף ניט אפלייגן דאס אויף מחר, יש מחר לאחר זמן.

**סס.** און אט דא האט מען די אזהרה פון הייגטיקן שיעור:

אז מ'דארף זיין אויסגעהיט מ'זאל ניט מקריב זיין דער קרבן בחוץ! ס'קען קומען צוגיין דער "קלוגינקער" וואס אומן הוא באומנתו, אויסנוצן אט דאס וואס א איד שטילט אין א תנועה פון א קרבן, פון מס"נ, אויסנוצן אט דאס וואס א איד האט א כח התענוג אלקי, און האט א כח הדם כח הקאך אלקי, און מ'זאגט אים "אומר לו כך", ער איז מסכים אז וויבאלד דו ביסט א איד דארפסטו שטיין אין א תנועה פון מס"נ, וויבאלד אז דער אויבערשטער האט דיר געגעבן דער תענוג און דעם קאך איז ניט דו דארפסט דאס טאן מיט מס"נ אבער אין א אופן פון קרעכצען, ווארום מ'האט דיר גענייט און האסט ח"ו קיין ברירה ניט - נאר דארפסט דאס טאן אין א אופן פון חלב ודם!

- פון תענוג און מיטן גאנצן שטורעם און דעם קאך וואס דאס באלעבט אים אינגאנצן. - אינגאנצן מיט אים מסכים, דערנאך גייט ער זיך מיט א פרואוו אז אפשר זאלסט דאס טאן בחוץ!

ניט ח"ו ווי ער איז דערנאך מסיים "לשעירים", אבער דארף מען דאס טאן דוקא אין ד' אמות של תורה און ד' אמות של הלכה - סו דאס אין ענינֵי רשות!

דערנאך וועסטו צוזאגן דעם אויבערשטן, צוזאגן זיך, אז דו וועסט זיך קאכן אין פרנסה מיט דעם גאנצן תענוג און מיט דעם גאנצן קאך, וועסטו דערנאך געבן, ע"פ דין איז גענוג מעשר, וועסטו געבן מצוה מן המובחר א חומש! און דערנאך וועסטו נאך מוסיף זיין א מחצית השקל אויף דעם חומש! און נאכמערער: **דריי** מחצית השקל אויפן חומש!

- זאגט תורה דיר דעם כלל: אז מים הזדונים, מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה, איז דאס ניט דער ענין וואס מ'האט טרדות פון פרנסה, דאס איז געווען בזמן שביהמ"ק הי' קיים איז געווען מס מלך ושרים, ואדרבה - נאך מער מיסים ווי איצטער,

אין וואס באשטייט דער גלות - אז דאס דארף מען דאס טאן "בלא לב ולב" ווי דער לשון אין תורה אור, און ער טוט דאס מיט זיין גאנצן תענוג און מיט זיין גאנצן דם!

ער האט תענוג און האט חלב ודם, און האט תענוג און קאך, און ער דארף דאס אויסנוצן כמדובר לעיל בתכלית השלימות, ער דארף דאס אויסנוצן ביז אין א אופן פון מס"נ, וואו דארף דאס אבער זיין דאס דארף זיין "במקום אשר יבחר ה'" אין א מקום קדוש שממנו הושתת העולם, וואס דאס איז דער הר הבית און דער ביהמ"ק שעל הר הבית, און אין ביהמ"ק גופא, אט דארט וואו אידן יקריבו עליו את קרבנותיו אנהויבנדיק פון דעם עולת תמיד, וואס דאס איז געווען התחלת כל העבודות כולם.

וואס דערפאר דארף דאס זיין אין א מעמד ומצב פון לא תכבה, און אין לשון פון די ישיבות אין אן אופן פון "פעולה נמשכת" כל היום כולו.

ניט נאר א פעולה סתם, נאר אין א אופן פון "לא תכבה", דאס ברענגט א שטענדיקער פייער. אבער וואו איז דאס - "על מזבח ה'".

- איי דו דארפסט האבן פרנסה צוליב צדקה כל מעשיך לש"ש - איז דארטן איז דער ענין בלא לב ולב. ואדרבה - ווי מ'זעט אין פועל אז דעמאלט איז מען מער מצליח בשעת מ'ליגט ניט אין תחבולות בני אדם, און ווילדע דרייערייען, וואס דערנאך לאזט זיך אויס ח"ו שלא כדבעי. האט אזויפיל געדרייט ער האט זיך פארדרייט, דעם צווייטן פאדרייט, דער וואס דארף ביי אים מאנען די מיסים פאדרייט, און דערנאך ווייס ער ניט ניט וואס מיט אים טוט זיך, ניט וואס מיט זיינע רווחים טוט זיך,

פארוואס - ווארום תמורת זה וואס מ'דארף "יגיע כפיך כי תאכל", איז דאס ביי אים יגיעת התענוג און יגיעת הדם און יגיעת הראש און יגיעת הלב היפך ווי תורה חיים האט אים אנגעוויזן.

דערנאך איז דאך דא אזוינע וואס טענה'ן "בחננו ה' ונסני"! - א פסוק אין תהילים. ער שטעלט זיך אונטער, און נעמט אויף זיך בחנני ה', ער וועט טאקע טאן איז אזא מין אופן.

וכאמור - ער וועט טאקע געבן ניט מעשר נאר חומש, ניט חומש נאר מיט דריי מחצית השקל נאכמערער, אדער מיט נאכמערער.

ואדרבה - בחנני ה' ונסני!

וואס מ'ווייס דאך ח"ו וואו דאס האט זיך אויסגעלאזט, און ווי כמדובר כמ"פ אז בכל יום ויום פאר די תפלות בקר"ש ופסוקי דזמרה זאגט מען שוין א תפלה "אל תביאני לידי נסיון"! קודם כל הענינים, קודם לימוד התורה, אפילו ווי מ'איז לומד תורה אין ברכת השחר, איז שוין דא די תפילה פון אל תביאני לידי נסיון!

וואס דאס שטייט אויך אין דעם שיעור חומש פון דעם טאג.

וואס הויבן הויבט זיך דאס אן וואס א איד (אשר נשחט) במחנה או מחוץ למחנה.

וואס אזוי גייט דער יצר - ניט ער הויבט אן ניט אויפן מזבח, נאר וואדען ח"ו אין דעם היפך, אבער וואס איז דאס דוקא על המזבח דעם קרבן - ער וועט דאס טאן במחנה!

מחנה שכינה! אבער ניט על המזבח!

- זאגט מען אז "כך אומנתו של יצה"ר" - ער הויבט אן אשר ישחט במחנה דערנאך ער האט דאס ח"ו געפועל'ט ווערט דערנאך מחוץ למחנה,

דערנאך ר"ל מיט וואס לאזט ער דאס אויס "לשעירים אשר הם זובחים על פני השדה"! ובל' הגמ' "אומר לו לך ועבוד" (דעם ענין פון "לשעירים").

כדי ניט צוקומען ר"ל אין דעם ענין, דארף מען דאס באווארענען בתחילה, און די באווארענען בתחילה איז א לייכטע זאך ווארום ער האט ניט צוגעלאזט און האט ניט ארייגגעלאזט דעם אורח וואס ביום ראשון נקרא אורח, בהתחלה האט ער אים מלכתחילה ניט ארייגגעלאזט צו זיך.

במילא ברייגגט ער דער "להקריב חלב ודם על מזבח ה'",

דערנאך גיט מען כח, אז מ'זאגט א פרשה מיוחדת בתורה, וואס דאס איז אויך וואס די ציוווים שבתורה איז אויך מלשון הבטחה, איז אויך דער ציווי אז מ'זאל ניט מקריב זיין במחנה, ניט אויפן מזבח, אפילו ניט אין מחנה שכינה, מ'זאל ניט מקריב זיין עאכו"כ מחוץ למחנה, מ'זאל ניט מקריב זיין ר"ל לשעירים אשר הם זובחים על פני השדה,

איז דא אויף דערויף דער נתינת כח און הבטחה שבתורה אז א איד לערנט תורה "בראתי לו תורה תבלין" אז ניט נאר ח"ו ער פועל'ט ניט, נאר אדרבה - ס'ווערט דער תבלין המתבל את המאכל, בכל לבבך - בשני יצריך,

און ס'ווערט דער "להקריב חלב ודם על מזבח ה'".

און פון דער החלטה, און דערנאך די החלטה קומט אראפ בפועל אין מעשינו ועבודתינו בזמן הגלות, אז מ'פירט זיך אזוי אין דעם להקריב חלב ודם על זבח ה' און די אנדערע ענינים טוט מען בלא לב ולב, האט מען זיי אויך אין אן אופן פון רויחי, צי דאס איז בנוגע צו חיי צי מזוני, איז כולם אין אן אופן פון רויחא,

אז מ'האט א הרחבה און א ריוח בגשמיות און אין רוחניות און אין רוחניות און אין גשמיות, ושניהם גם יחד,

ומהוך שמחה וטוב לבב גייט מען מקבל זיין פני משיח צדקנו אין אן אופן פון "וינצלו את מצרים", אז מ'נעמט ארויס נוסף צו דעם אייגענעם חלב ודם, צו דעם אייגענעם תענוג און קאך, נעמט מען אויך מיט אלע ניצוצות קדושה וואס זיינען דא בכל מקום שהם,

און מ'גייט "קהל גדול ישובו הנה" במהרה בימינו ממש.

ביחד "ושב ה' אלקיך את שבותך" והשיב לא נאמר אלא ושב, אז דער אויבערשטער גייט מיט יעדער איד במיוחד אין ארץ הקדש, במהרה בימינו ממש, בגאולה האמיתית והשלימה.

*　　　*　　　*

צוה לנגן ניגון הכנה, ניגון אדה"ז (בבא הרביעית פ"א), ניע זשוריצי, ניגן בעצמו צמאה לך נפשי, התחיל לנגן ממצרים גאלתנו (מחא כפיו הק'),

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

**ע.** (ברך ברכה אחרונה ואמר:) אויף ליתר שאת דארף מען ניט באווארנען, אבער ליתר שאת וועט מען דאס אויך זאגן בפירוש.

אט דאס וואס ס'האט זיך געדעדט פאר אידישע קינדער דער ס"ת, איז דאס לאו דוקא די וואס זיינען שוין פארשריבן אין צבאות ה', אויב ער איז א אידיש קינד איז אט דעמאלט קען ער קויפן (אויב דאס איז ברצונו הטוב) אן אות אין דער ס"ת, און אויב די אותיות פון איין ס"ת וועלן זיין אינגאנצן אויספארקויפט, וועט מען שרייבן א צווייטע ס"ת,

און דער עיקר, אז ס'זאל זיין כל צבאות ה' - אלע אידישע קינדער, סיי אינגעלאך און סיי מיידעלאך,

און גיין בקרוב ממש מיט די ספרי תורות, און נאך פריער נאך איידער זיי וועלן זיין נגמר, לקבל פני משיח צדקנו, בשמחה ובטוב לבב.

און ארויסגיין פון גלות אין אן אופן וואס "בשמחה תצאו ובשלום תובלון".

התחיל לנגן כי בשמחה וחזר להיכלו הק'.

*　　　*　　　*